№ 48 | Należytość pocztowa opłacona ryczałtem. | פרייז 20 גראשען. | „CZENSTOCHOWER CAJTUNG".

טשענסטאכאווער צייטונג

ערשיינט יעדען פרייטאג.
רעדאקציע און אדמיניסטראציע:
ערשטע אלעע 6. — טעלעפאן 201.

CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 201.

Piątek d. 24 listopada 1933 | ליכט-צינדען 3-2ז | פרייטאג, פ' ויצא ו' כסלו תרצ"ד.

Bibljoteka Jagiellońska
Kraków
św. Anny 19

מזל-טוב און פיעל נחת ווינשען מיר אונזערע פריינד **יעקב שווארצבוים** און **פרוי** צו דער פערלאבונג פון זייער ליעבען זוהן **חיים ישראל** מיט פרל. **פראניא שטשעקאץ** פון טשענסטאכאוו, דערלעבט פיעל פרייד ביי דעם יונגען פאר.

לייזער רוזשאנסקי און פרוי, יעקב אלחנן גאטליב און פרוי.

ראדאמסק.

בעקאנטמאכונג.

דערמיט מאך איך בעקאנט, דאס .

אין מיין יוטע און בוימוואל-געשעפט
איז גלייכצייטיג צו בעקומען
מאנופאקטור = סחורות פון דער פאבריק
„LA CZENSTOCHOVIENNE"
צו קאנקורענצפעהיגע פרייזען.

מיט אכטונג

M. Kopiński, Ogrodowa 5. tel. 24-65

דער זעהר חשוב'ער און פערדיענסטפולער געזעזעלשאפט **„אחיעזר"**, וועלכע האט בעת'ן טויט פון אונזער **טרייען מאן** און **פאטער**

נ"ע יצחק העפטלער

בעוויזען אזוי פיעל איידעלקייט, מיטגעפיהל, הערצליכע אויפזיכט און מיט שנעלע, ענערגישע און פונקטליכע אויספיהרונג ארויסגעוויזען א סובטעלען טאקט.

דעם געעהרטען ד"ר **פאלק** פאר זיין אפפערוויליגע הילף און אויפזיכט בעת דער קראנקהייט חי אויך די אלע, וועלכע האבען אנטייל גענומען אין דער לויה און אבגעגעבען דעם לעצטען כבוד אונזער טהייערען נפטר דריקען אויס פון דעם צעווייטאגטען הארץ אנ'אויפריכטיגען דאנק.

די אין טיעפען טרויער פערבליבענע **פרוי, זוהן** און **פאמיליע.**

Najgłębsze współczucie wyrażamy **Rodzinie Heftler**
z powodu śmierci Ich Męża i Ojca

b. p. IZYDORA

Jakóbowie Goldstein.

Głęboko wzruszeni śmiercią naszego przyjaciela i wspólnika

b. p. Izydora Heftlera

składamy wyrazy szczerego żalu i współczucia
Żonie, Synowi i Rodzinie.

Ignacowie Bem.

אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס דער **פאמיליע העפטלער** צוליב'ן טויט פון זייער **מאן** און **פאטער** אונזער לאנגיעריגער מיטגליעד

נ"ע יצחק העפטלער

המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

די גבאים און מתפללים פון מנין, אלעע 36.

ד"ר ל. גוטמאן.
Dr. Med.
Leon Guttman
lekarz chorób wewnętrznych
przeprowadził się na ul.
NOWY RYNEK 4, I-e PIĘTRO
róg ul. Berka Josel. 2.
№ tel. niezmieniony 17-44.

IGNACY BLUM
ADWOKAT
OTWORZYŁ KANCELARJĘ
w RADOMSKU
ul. BRZEŹNICKA № 1.

SZKOŁA TAŃCÓW
baletm. K. Kosteckiego

w lokalu własnym **Waszyngtona 6**, przyjmuje zapisy na kursy, lekcje oddzielne codziennie od 10 rano do 9 w. Opłata za lekcje przystępna

שבת 25 ד. ה 8 אוונד פראקטישע לעקציע פאר יודישע געזעלשאפט און אויך יעדען שבת 8 אוונד. לעצטע מוזיק שלאגערס. בילינע פרייזען.

דאנקזאגונג.

דעם הארציגסטען דאנק גיב איך דעם זעהר חשוב'ן **ד"ר ב. עפשטיין** פאר זיין הערליך אדורכ-פיהרען איבער מיר 2 אפעראציעס, וועלכע זענען זעהר געלונגען און מיך געראטעוועט פון צו ווערען א קאליקע. זאל איהם גאט געבען הצלחה אין זיין ווייטערדיגער פראקטיק.

פרץ פונטאוויטש.

דער **פאמיליע העפטלער** צוליעבן טויט פון זייער **מאן** און **פאטער**

נ"ע יצחק העפטלער

מיין טיעפסטען מיטגעפיהל

בעריל שטיבעל.

דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס דער

פאמיליע בערלינער

צוליעב'ן טויט פון זייער אונפערגעסליכען פאטער

נ"ע קאפעל

המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

מאניע זבאראווסקא, יואל גאלדפארב,
משה גרובשטיין.

Dnia 16 listopada 1933 r. zmarł w WIEDNIU

B. P. Inżynier HERMAN GINSBERG

Założyciel, Długoletni Prezes i Członek Honorowy
Towarzystwa Dobroczynności dla Żydów w Częstochowie.

W zmarłym tracimy światłego, ofiarnego i wrażliwego na nędzę towarzysza pracy.

Cześć Jego pamięci!

Zarząd Tow. Dobroczynności dla Żydów w Częstochowie.

נ"ע מאיר דוב הלוי קארטוז

איז געשטארבען אין עלטער פון 90 יאהר. די לויה איז פארגעקומען דינסטאג, ג' כסלו תרצ"ד (21 נאוועמבער 1933)

גלייכצייטיג דריקען מיר אויס אונזער טיעפסטען דאנק די אלע, וועלכע האבען אנטייל גענומען אין דער לויה און אבגע-געבען דעם לעצטען כבוד אונזער טייערען נפטר.

די אין טיעפען טרויער פערבליבענע **זיהן, שנירען, אייניקלעך** און **פאמיליע.**

ZOFJA GREJNIEC
Inż. JAKÓB ŻERYKIER
zaślubieni
Częstochowa, w listopadzie 1933 r.

אונזער הארציגען פריינד ה' **ווילהעלם זשעריקער** און **פרוי** צו דער חתונה פון זייער ליעבען זוהן **אינזש. יאקוב זשעריקער** מיט פרל. **זאפיא גרעיניעץ** אונזער הערצליכען מזל-טוב

יעקב ראזענבערג און פרוי.

אונזער זעהר געעהרטען וויצע-פרעזעס ה' **ווילהעלם זשעריקער** און **פרוי** צו דער חתונה פון זייער ליעבען זוהן אונזער הארציגסטען מזל-טוב. דעם יונגען פאר א בליהענדע צוקונפט.

פערוו. פון קליינהענדלער-פעראיין, ב. יאסעלעוויטשא 9.

א הערצליכען מזל-טוב ווינשען מיר אונזער לאנגיעהריגען מיטגליעד ה' **וואלף זשעריקער** און **פרוי** צו דער חתונה פון זייער זוהן אינזש. **קובא** מיט פרל. **זאשא גרעיניעץ**

דעם יונגען פאר ווינשען מיר א גליקליך צוזאמענלעבען און א בליהענדע צוקונפט

די גבאים און מתפללים פון דער חברה „אגודת אחים", אלעע 9.

דעם חשוב'ן ה' **ווילהעלם זשעריקער**
צו דער חתונה פון זיין **זוהן**
אונזער הארציגסטען מזל-טוב

מענדיל אש, שמואל פראנק, יעקב ראזינער

Szan. P. Wilhelmowi Żerykierowi i Jego Małżonce z intencji ślubu Ich syna inż. JAKÓBA z p. ZOFJĄ GREJNIECÓWNĄ zasyłają szczere życzenia

Adolf Epstein z Żoną.

Szan. P. Vice-Prezesowi Wilhelmowi Żerykierowi życzą wiele pociechy i szczęścia z okazji ślubu Ich syna inż. JAKÓBA z p. ZOFJĄ GREJNIEC.

Stanisławostwo Weinsztok.

מזל-טוב און פיעל נחת ווינשען מיר אונזער חשוב'ן פריינד ה' **ווילהעלם זשעריקער** און **פרוי** צו דער חתונה פון זייער זוהן אינזש. **יאקוב** מיט פרל. **זאפיא גרעיניעץ**

דעם יונגען פאר א גליקליכע צוקונפט ווינשען

יוסף קרויזע און פרוי.

בערנארד בערקאוויטש
מאניא פפעפער
פערלאבט

טשענסטאכאוו | אין ליסטאפאד 1933. | פושעראוו

צו דער תנאים פון אונזער ליבען זוהן און ברודער **בערנארד בערקאוויטש** מיט פרל. **מאניע פפעפער** אונזערע הארציגסטע ברכות.

עלטערן, ברידער און שוועסטער.

אונזערע שכנים ה' **הירשל בערקאוויטש** און **פרוי** צו דער פערלאבונג פון זייער זוהן **בענדעט** מיט פרל. **מאניע פפעפער** א הארציגען מזל-טוב.

דעם יונגען פאר א בליהענדע צוקונפט ווינשען

יצחק טרעמבאצקי, פרוי און זיהן.

Z intencji zaręczyn naszego kolegi HERSZLIKA POZNERSON z p. ANKĄ FAJNERÓWNĄ życzą wiele szczęścia

Zygmunt Kaufman
Mietek Zylberszac.

Z intencji zaręczyn kolegi naszego p. HESKA POZNERSONA z p. ANKĄ FAJNERÓWNĄ, życzymy, aby gwiazda szczęścia była nieodstępną towarzyszką Ich życia.

D. Gliksman K. Jakubowicz, Sz. Mittelman.

צו דער תנאים פון ה' **גרשון ניימאן** מיט פרל. **פאלא שייקעוויטש** ווינשען א הארציגען מזל-טוב און א בליהענדע צוקונפט.

די עלטערן—פיעל נחת.

איסר פרעהליך און פרוי.

צו דער תנאים פון אונזער חבר **לייב קאברינער** מיט פרל. **העלא וואזשניצא** אונזער חבר'שען מזל-טוב.

די פערוו. פון בעקליידונגס-אינדוסטריע-ארב. אין פוילען אפט. אין טשענסטאכאוו.

צו דער תנאים פון מיין פריינד **לעאן קאברינער** מיט פרל. **העלא וואזשניצא** א הארציגען מזל-טוב און א בליהענדע צוקונפט ווינשט

ל. ראטשילד.

נ"ע יעקב קאפל בערלינער

איז געשטארבען אין עלטער פון 67 יאהר.

די לויה איז פארגעקומען דינסטאג, דעם 21 נאוועמבער 1933 י. (ג' כסלו תרצ"ד).

די אלע, וועלכע האבען אנטייל גענומען אין דער לויה און אפגעגעבען אונזער טהייערען נפטר דעם לעצטען כבוד, דריקען מיר אויס אונזער איניגסטען דאנק

די אין טיעפען טרויער פערבליבענע

פרוי, זוהן, טעכטער, איידעמ'ס אייניקלעך און **פאמיליע.**

עס דאַרף דערהערט ווערטן אונזער מעכטיגער פּראָטעסט-געשריי

די האַנדלונג פון הויך-קאָמיסאַר אין צוזאַמענהאַנג מיט די לעצטע געשעהענישען אין ארץ-ישראל, שטייגט איבער אַלע געמיינהייטען, וואָס זענען ביז-איצט אָפּגעטהון געוואָרען דעם יודישען פאָלק.

ארץ-ישראל, דאָס לאַנד, וואָס געהער צום יודישען פאָלק פון אייביגע צייטען אָן; ארץ-ישראל, וואָס איז די איינציגע האָפנונג פון גאַנצען יודענטום אין גלות, וואָס האָט אונז געשטאַרקט אין צוגעגעבען מוט אויסצוהאַלטען אַלע צרות, עניים און גזירות, אין דער האָפנונג, אַז עס מוז סוף כל סוף קומען די גאולה און מיר וועלען אָנהויבען לעבען ווי יעדעס נאָרמאַלע פאָלק; ארץ-ישראל, וואָס איז אין 1917 פּראָקלאַמירט געוואָרען דורך אַלע מלוכות און פעלקער אַלס נאַציאָנאַלע יודישע היים — אָט דאָס ארץ-ישראל ווערט פּלוצים דורכ'ן הויך-קאָמיסאַר וואָקאָפּ פערמאַכט פאַר אונז, אין דער צייט ווען די בעדואינער איז ערלויבט אַריינצוואַנדערן אָהן שום בעגרעניצונג.

זינט 1917 האָבען יודען פערוואַנדלט דאָס וויסטע פּאַלעסטינאַ, וואָס האָט זיך הונדערטער יאָהרען געפונען אין אַ־אַבישע הענד—אין אַ בליהענדען ישוב. דער גאַנצער זאַפט און מאַרך פון יודישען פאָלק אין דער גאַנצער וועלט האָט מען אַריינגעלעגט אין דער שטיינערנער און זאַמדיגער ערד. און איצט, ווען יעדער שפּאַן ערד איז בענעצט מיט יודיש בלוט, ווען מען האָט פערוואַנדעלט אַ פּוסטע מדבר אין אַ גן-עדן, קומט צו נעהמען די ברוטאַלע ענגלישע מאַכט און וויל מיט אַ שטריך פון דער פעדער מבטל מאַכען דעם טרויס און די שטרעבונג פון אַ גאַנץ פאָלק, זיין טויזענדער יאָהרען.

די ציניש בעמערקונג פון הויך-קאָמיסאַר, אַז ארץ-ישראל איז שוין גענוג בעפעלקערט און אַז עס קאָרען נישט זיין יודען מעהר ווי אַראַבער, נאָר אויף יעדע 4 אַראַבער קען זיך דאָרט געפינען איין יוד, שטעהט דאָך אין סתירה מיט דער באַלפור-דעקלאַראַציע, וועלכע פּראָקלאַמירט אַ יודישע נאַציאָנאַלע היים אין א"י און ווי אַזוי שטעלט זיך פאַר די ארץ-ישראל אדמיניסטראַציע אַ יודישע היים, וועלכע זאָל גאַר בעזיצען אַן אַראַבישע מעהרהייט?

דער-תחילת קומען אָן פון ארץ-ישראל ידיעות, אַז עס זענען געמאַכט געוואָרען אָבלאַוועס אויף אַזוי-גערופענע אונלעגאַלע יודישע איינוואַנדערונג און עס זענען אַרעסטירט געוואָרען אַ גרעסערע צאָהל יודען, וואָס וועלען ווערען בעשטראָפט און אַרויסגעשיקט פון לאַנד.

מיר האַלטען, אַז די דאָזיגע גזירה איז די שרעקליכסטע פון אַלע גזירות, וואָס קומען אויף אינז אין משך פון די לעצטע פאַר הונדערט יאָהר. עס וועט נישט זיין קיין פּאַראַדאָקס, ווען מיר וועלען זאָגען, אַז אפילו די שרעקליכע היטלער-גזירה, וואָס איז די ברוטאַלסטע פון אַלע גזירות, ווערט בלאַס אַקעגען דער גזירה פון ארץ-ישראל.

דאָס יודישע פאָלק, וועלכעס האָט אין משך פון טויזענדער יאָהרען געוואַנדערט זיין אויג און האַרץ, זיין בלוט און געלד קיין ארץ-ישראל, וועט זיך נישט לאָזען בערויבען זיין רעכט בנוגע דעם לאַנד, וואָס געהער נור צו איהם. די ענגלענדער, וועלכע האַלטען זיך פאַר'ן פאָלק פון ביבל, בעגעהן דאָך די גרעסטע אַכזריות נעגען יודישען פאָלק. מיט פייער און בלוט וועלען מיר ארץ-ישראל אויפבויען און עס פערוואַנדלען אין אַ יודישער היים. מיר וועלען זיך נישט אָבשרעקען פאַר קיין שום גזירות פון מענשען און מלוכות, וועלכע ברעכען זייער צוזאָג און שטעלען אַן אַ פּנים פון אַ ערליכע לייט.

אונזער פּראָטעסט-שטימע דאַרף דערהערט ווערען אויף דער גאַנצער וועלט, און אויב ענגלאַנד קאָן נישט דערפילען איהר הבטחה און דעם צוזאָג, וועלכער איז פּראָקלאַמירט געוואָרען דורך אַלע מלוכות פון דער וועלט, טאָ זאָל זי אָבטרעטען און אָבגעבען דעם מאַנדאַט אַן אַנדערער מלוכה, וואָס וועט די הבטחה יאָ מקיים זיין.

מיט דער לעצטער גזירה ווילען די ענגלענדער טרעפען אין הארצען פון יודישען פאָלק, געבען אַ טויט-קלאַפּ דעם פאָלק ישראל, אָבטויטען זיינע האָפנונגען און שטרעבונגען. מיר אָבער זאָגען: עם ישראל חי — מיר וועלען לעבען און מיר וועלען די גזירה אָבשרייען.

אַלע יודען פון דער גאַנצער וועלט, אָהן אונטערשייד פון ריכטונג און קלאַס, אַלע ווי איין מאַן דאַרפען אויפהייבען זייער מעכטיגע פּראָטעסט-שטימע, וואָס דאַרף און מוז דערהערט ווערען.

ב—ן

יצחק וואַרשאַווער

„הדר בית״ר" אין אַנ׳אַוואַנ-טוריסטישער אויפלאַגע*)

פאָריגע וואָך איז אין אונזער שטאָדט פאַרגעקומען אַ רעפעראַט פון'ם פּרעזידענט פון דער „יודענשטאַטס-פּאַרטיי" ה' מאיר גראָסמאַן פון לאָנדאָן.

דער רעפעראַט האָט געהאַט דעם צוועק צו בעקענען די ציוניסטישע מאַסען מיט די ציעלען און אויפגאַבען פון דער „יודענשטאַטס פּאַרטיי".

ווער ס'האָט געהאַט די מעגליכקייט אַנוועזענד צו זיין אויפ'ן רעפעראַט פון ה' מ. גראָסמאַן, וואָס איז פאַרגעקומען פאַר די וואַהלען צום 18-טען ציונ. קאָנגרעס און געוועזען אַנ'עדות פון די וויסטע כוליגאַנישע סקאַנדאַלען, וועלכע ס'האָבען געמאַכט די „לינקע" ציוניסטען פון דער „ליגע" — האָט געגלויבט, אַז היינט, נאָכ'ן קאָנגרעס, נאָך די „הייסע" וואַהלען, ווען די געמיטער האָבען זיך אָביסעל בערוהיגט און די „היץ-קעפּ" האָבען זיך אָביסעל אָבגעקיהלט, ווען די חיה'שע אינסטינקטען זענען ביי די „פּאַרטיי-פאַנאַטיקער" איינגעדרימעלט געוואָרען, אַז יעצט וועט דער רעפעראַט אָדורך רוהיג, ווי עס פּאַסט פאַר אַ ציוניסטישער פערזאַמלונג.

צום בעדויערען אָבער האָבען זיך די איניציאַטאָרען פון רעפעראַט און דער פערזאַמעלטער עולם שטאַרק ענטוישט. ס'האָט זיך איבערגע'חזר'ט דער זעלבער „ספּעקטאַקל", נור אנשטאַט פון לינקען לאַגער, איז דאָס מאָל דאָס „ריטערליכע" שטיקעל אַרבייט אָבגעטהון געוואָרען פון רעכטען לאַגער, ד. ה. פון בית"ר אין טשענסטאָכאָוו.

אַלס איינער, וועלכער איז געשטאַנען אין די רייהען פון בית"ר זינט זיין ענטשטעהונג אין פּוילען, מיטמאַכענדיג אַלע ליידען און פריידען, זייענדיג ביז'ן „פּוטש" אַ חבר אין דער רעוויזיאָניסטישער אוניאָן — איז מיר אָביסעל אונאַנגענעהם צו שרייבען וועגען „פיינעם" שטיקעל אַרבייט, וואָס ס'האָט אָבגעטהון דער בית"ר אין אונזער שטאָדט. דאָך אָבער מוז מען האָבען מוט און קומען זאָגען די נעכטיגע חברים: נישט דאָס איז דער וועג פון בית"ר! וואו איז דער „הדר"?

פאַר אַ קולטורעל און פּאָליטיש-רייפען מענש איז גאַנץ פערשטענדליך, אַז אויף אַ רעפעראַט פון אַ פּאָליטישען געגנער, וועט ער נישט הערען קיין ליוב-געזאַנגען אויפ'ן אַדרעס פון זיין פּאַרטיי. ס'איז איהם אָבער דעסגלייכען בעוואוסט, אַז מען מוז זיין טאָלעראַנט לגבי אַ געגנער און אויב ער געהט אויף אַ געגנער'ס רעפעראַט איז עס, כדי איהם אויסצוהערען, לערנען און ווי ווייט מעגליך פערשטעהן דעם געגנער און אין פערגלייך מיט זיינע אַנשויאונגען ציהען די געהעריגע קאָנסעקווענצען. ס'זענען אויך פערהאַן אַנגענומענע פאָרמען פון דיסקוסיע, וועלכע דאַרף זיין מענשליך, אַנשטענדיג און נישט ווי ס'האָבען עס געטהון די „דזשענטעלמענער" פון בית"ר, וואַרפענדיג שטינק-באָמבעס, אַרויסרופענדיג אַוואַנטורעס און בעליידיגענדיג אויף אַ העסליך גראָב-יונגערישען אופן דעם פּרעלעגענט.

כ'וויל נישט בעריהרען דאָ די פראַגע, צי מיט אַזעלכע מיטלען פערשאַפט מען זיך סימפּאַטיע ביי די ציוניסטישע מאַסען. ס'איז אויך אַ פראַגע, צי דער בית"ר האָט געטהון אַ טובה דער רעוויזיאָניסטישער בעוועגונג, מיט זייער אַוואַנטוריסטישער האַלטונג אויפ'ן רעפעראַט פון ה' מ. גראָסמאַן. ס'ווילט זיך אָבער פרעגען אונזער ציוניסטישע יוגענד פון רעכטס און לינקס: ווי ווייט קענט איהר דערגרעהען אין אייער בלינדען פּאַרטיי-האָס? צי אַ חוץ אייער פאַנאַטיש גלויבען אין דער הייליגקייט פון אייערע „פיהרער", איז נישט פערהאַן עפּיס מעהר הייליגעס? צי גיבט נישט פאַר אייך מעהר קיין ברייטערער האָריזאָנט, ווי אייער פּאַרטיי?

יאָ, ציוניסטישע יוגענד, צוקוקענדיג זיך צו די מיטלען, וועלכע איהר בענוצט אין קאַמף מיט אייערע געגנער און אַנדערש דענקענדע מענשען, זעהענדיג וואָס פאַר אַ פאָרמען ס'נעמט אָן פּאַרטיי - האָס, וועלכער צושיידט אייך, נישט געקוקט דערויף, וואָס איהר שטרעבט, ציעלט און אַרבייט פאַר איין און דעמזעלבען ציעל און אידעאַל—איז אַ גרויסער ספק, צי ביי אַזאַ געגענזייטיגער בעציהונג, ווי עס הערשט צווישען אייך, ווען פּאַרטיי-אינטערעס איז ביי אייך וויכטיגער, ווי די ארץ-ישראל אינטערעסען, ווען אַנשטאַט וואָס דאָס הייליגסטע זאָל זיין א"י—איז עס גאָר ביי אייך דער „פיהרער", אַנשטאַט ציוניסטישע איבערגעבענהייט—איז ביי אייך וויכטיגער אייער פּאַרטיי-איבערגעגעבענהייט—דאַן פערלירט מען דעם גלויבען, אַז איהר זענט דאָס דער דור, וועלכען ס'איז בעשערט אויפצובויען דאָס מלכות ישראל...

יאָ, ציוניסטישע יוגענד!

ס'איז שוין צייט זאָלסט זיך פערטראַכטען מעהר ערנסטער, וועלען פערשטעהן און אויך לערנען — דאַן וועסטו קומען צום אויספיהר, אַז פּאַרטיי-שנאה, אונטאָלעראַנץ, כוליגאַנישע פאָרמען פון דיסקוסיע, פויסט - מיטלען אין קאַמף מיט געגנער, בלינדע אונבעוואוסטזיניגע געהאַרכזאַמקייט דעם „פיהרער", געגענזייטיגע אונצוטרוי—דאָס דערווייטערט אייך פון ציעל און אויב ס'וועט אַזוי ווייטער געהן, דאַן וועט איהר פערלירען די שפּראַך, מיט וועלכער איהר דאַרפט אייך פערשטענדיגען און פערשטעהן געגענזייטיג אין אייער הייליגער אַרבייט פאַר'ן אויפבוי פון מלכות ישראל.

און ספּעציעל איהר בית"רים!

פון ווען פאַרען זיך שטינק-באָמבעס, וויסטע אַוואַנטורעס, נעשלעגען, אונאַנשטענדיגע אויפפיהרונג מיט אייער „הדר בית"ר", וועלכען ס'פּרעדיגט אייער פיהרער? וואו איז דאָ נייסט פון דזשענטעלמענישקייט און ריטערליכקייט, אין וועלכען מען ערציהט אייך כלומר'שט? ניין טשענסטאָכאָווער בית"רים! ס'וועט שוין פון אייך נישט אויסוואַקסען קיין דזשענטעלמענער, ריטער און קיין בן מלך, ווי ס'שטעלט זיך פאַר אייער גרויסער פיהרער זאב זשאַבאָטינסקי!

איהר האָט געהאַט אַ געלעגענהייט צו ווייזען די ציוניסטישע מאַסען און ספּעציעל דער יוגענד פון לינקס, אַז „הדר ביתר" איז נישט קיין פּוסטע פראַזע, וועלכע קלינגט שעהן און וועגען וועלכער מען רעדט נור ביי אייך, נור פערקעהרט, אַז איהר זענט די אמת'ע דזשענטעלמענער און יוגענד, וועלכע איז אי ריטערליך, אי בעוואוסטזיניג; יוגענד, וועלכע וויל לערנען פונ'ם געגנער; יוגענד, וועלכע איז טאָלעראַנט לגבי אַנדערש - דענקענדע מענשען, אַז כדי צו זיין אַ בית"רי איז נישט גענוג בלויז צו טראָגען די בלוזע מיט דער מנורה און דעם נאָמען פון לעגענדאַרען יוסף טרומפּעלדאָר.

אָבער צום בעדויערען האָט איהר בעוויזען, אַז נישט דערוואַקסען זענט איהר, טשענסטאָכאָווער בית"רים, צו טראָגען זיין נאָמען, צו האָבען פאַר אַ פיהרער זאב זשאַבאָטינסקי און זיך צו רופען ציוניסטישע יוגענד!

ניין, ביתר"ים! אויב דאָס, וואָס איהר האָט בעוויזען אויפ'ן רעפעראַט פון ה' מאיר גראָסמאַן, אויב אייער אַוואַנטוריסטישע אויפפיהרונג איז לויט אייער מיינונג אין איינקלאַנג מיט'ן הדר-בית"ר – דאַן איז דאָס אייערס אַ לאָקאַלער „הדר" אין אַ אַוואַנטוריסטישער אויפלאַגע!

*) מיר גיבען דאָס אַרטיקעל פון ה' וואַרשאַווער אויף זיין פערלאַנג, כאָטש מיר זענען טיילווייז נישט מסכים מיט זיינע אויספיהרונגען.

(30

די לעצטע טעג פון יהודה.

היסטאָרישער ראָמאַן פון ה. פ. שוכאַכער.

(פאָרטזעצונג)

און אַ שטיקענדער רויך האָט אָנגעפילט דאָס צימער, ווי אַ געדיכטער וואָלקען פאַר דעם ערשטען בליץ, דערנאָך האָט זי דערהערט די שטים פון פראַנטאָ און זיך אויפגעכאַפּט.

— גליקעריאַן, דערלאַנגט די פּיידעל!

די אַלטע איז אַרויסגעגאַנגען פון װינקעל און אין דער האַנד האָט זי געהאַט אַ ביטש מיט קניפּען, אין וועלכע עס זענען געווען אַריינגעזעצט אייזערנע שפּיצען.

שלומית האָט ביי איהר פאָטער געהערט וועגען דעם גרויזאַמען אינסטרומענט, וועלכען די רוימער האָבען געבּרויכט. ערמאָרדען האָט מען מיט איהם נישט געקענט, נאָר די יסורים דערפון זענען אונגעהויער גרויס. ווי אַ שלאַנג ביים בייסען, זיך איין די אייזערנע נאָדלען און מאַטערן דעם קערפּער.

און איצט וועט זי זעהן תמר'ן אין די שרעקליכע יסורים.

שלומית האָט געפיהלט, אַז זי איז נישט אומשטאַנד מעהר צו טראַכטען, איהר האָט זיך אויסגעוויזען, אַז דאָס גאַנצע הויז דרעהט זיך צוזאַמען מיט איהר.

פראַנטאָ האָט געגעבען אַ צייכען און עס האָט זיך דערהערט דער ערשטער קלאַפּ.

אויף דעם קינדישען קערפּער האָט זיך [illegible] אַ רויטע בלוט - פּערל.

תמר האָט נישט געשריגען, נאָר געביסען די אונטערשטע ליפּ, ביז דאָס בלוט האָט געריגען. דערפאַר אָבער האָט שלומית אויסגעשריגען ביטער, עס האָט זיך געדוכט אַז עס שרייט אַ לייבין, ווען מען האָט ביי איהר די קינדער צוגענומען.

און דערנאָך דער צווייטער קלאַפּ.

שלומית האָט געוואָלט מיט איהר קערפּער דאָס מיידעל בעשיצען, נאָר די שקלאַפען האָבען זי אָבגעשטויסען. זי האָט נישט געוואָלט קוקען, זי האָט נישט געקענט ציזעהן דאָס גרויזאַמע בילד, נאָר דאָך האָט זי אויך נישט געקענט אָבדרייען איהר בליק.

אין די קלעפּ זענען געוואָרען אַלץ אָפטער. תמר האָט געשוויגען, נאָר אַ טרעהר האָט זיך אויף איהר באַק בעוויזען און אויסמישענדיג זיך מיט'ן בלוט אויפ'ן קערפּער איז זי אויך בלוט רויט געוואָרען.

— איך האָב מורא, אַז דאָס מיידעל וועט שוין מעהר נישט פערטראָגען—האָט די אַלטע געזאָגט.

פראַנטאָ האָט געוואָרפען זיין בליק אויף שלומית און דער צאָרן האָט אין איהם געברענט.

— נאָך!—האָט ער ווי ווילד אויסגעשריגען.

די אַלטע האָט אויפגעהויבען די ריט.

דאַן האָט שלומית געוואָלט שרייען, נאָר איהר שטים האָט מען נישט געהערט. און אויף תמר'ס געזיכט האָט זיך אַ שמייכעלע בעוויזען. זי האָט אויסגעזעהען ווי אַנ'אונשולדיגער מלאך וועלכער איז זיך מקריב און וועלכער ליידט אָהן אַ גרעניץ.

שלומית האָט שוין מעהר נישט געקענט פערטראָגען. זי האָט ביטער אויסגעשריגען:

— ניין, ניין! גענוג!

דערנאָך איז זי געפאַלען פאַר פראַנטאָ אויף די קניהען און אויסגעשטרעקט די הענד.

פראַנטאָ האָט געגעבען אַ צייכען און די שרעקליכע עקזעקוציע איז אָבגעשטעלט געוואָרען. דערנאָך האָט ער מיט אַ שמייכעלע זיך אומגעקוקט צו שלומית.

זי האָט איהר געזיכט איינגעהילט.

נאָך אַ שעה איז פאַראיבער.

פראַנטאָ איז צוריקגעקומען צו זיינע געסט, זיך געזעצט אויף זיין אָרט און קיינער האָט אפילו נישט בעמערקט ווי ער איז אַרויסגעגאַנגען און צוריק געקומען. די געסט האָבען זיך אַרומגעוואַלגערט שיכור אונטער די טישען.

— איך בין זעהר צופרידען, וואָס דער באַל, וועלכען איך האָב איינגעאָרדענט געפעלט אייך, נאָר איך קאָן זיך בערעכטען, דאָס איך האָב איבערגעלאָזט אויפ'ן סוף דאָס בעסטע פון אַלץ. איך וואָלט אייך געבעטען טרעפען, וואָס איך האָב פאַר אייך נאָך פאַרגעברייט.

— אַן אָקסען-קאַמף — האָט איינער זיך אָנגערופען — דאָס איז ווירקליך זעהר אינטערעסאַנט.

— ניין—האָט דער אַנדערער אויסגעשריגען—פראַנטאָ וועט געוויס ערמאָרדען איינעם פון זיינע שקלאַפען פאַר אונזערע אויגען.

— אַ, דאָס איז טאַקי זעהר רייצענד צו זעהן ווי אַ מענש מאַטערט זיך אין די צייהן פון אַנ'אַפריקאַנישען לייב.

— און מיר וועלען דאָס זעהן ביי פאַקעלען, ווי שעהן, ווי גרויסאַרטיג דאָס וועט זיין.

פראַנטאָ האָט שטאָלץ זיך צולאַכט.

— נישט דאָס, וואָס איהר מיינט. דאָס אַלץ זענען קליינינקייטען און נישט פאַר מענשען מיט געשמאַק ווי מיר. איך האָב אַ יודיש מיידעל, אַ יונגע און אַזאַ שעהנע.

— אַ יודיש מיידעל—האָט איינער אויסגערופען מיט גרימאַסע אויפ'ן געזיכט—ווייניג זעהט מען זיי אין רוים און קיינער קוקט זיי נישט אָן.

— אָבער נישט אַזאַלכע, ווען דאָס מיידעל, וועגען וועלכער איך רעד, איז אַ טאָכטער פון אונזער שרעקליכען שונא, אַ ברודער פון יוחנן איש גוש חלב!

די געסט זענען אויפגעשפּרונגען פון זייערע ערטער און פערוואונדערט אויסגערופען:

— יוחנן איש גוש חלב! ער וועט דאָך אונז אַלע אויפהענגען.. אויפהענגען!

— איך שווער אייך, אַז עס איז אמת—האָט פראַנטאָ אויסגערופען—און טאַקי באַלד וועל איך זי הייסען טאַנצען דעם זעלבען טאַנץ, וואָס אַ יודישע פּרינצעסין האָט איינמאָל געטאַנצט פאַר אַ קעניג...

— דו ביזט דאָך זעהר גוט בעקאַנט מיט דער יודישער געשיכטע—האָט אויסגערופען איינער פון די געסט—ציי ביזטו, פראַנטאָ, עפּיס נישט קיין כרוב פון די יודען? און אפשר ביזטו טאַקי געבוירען געוואָרען אין די היגע לענדער?

פראַנטאָ האָט זיך געמאַכט, גלייך ער הערט נישט, נאָר זיין געזיכט איז רויט געוואָרען פון כעס.

— דיין ווייַן איז זעהר גוט—האָט אַ צווייטער זיך אָנגערופען—עס טרעפט זיך טאַקי, אַז אַ מענש טרינקט עטוואָס צו פיעל און דאַן דרייט זיך איהם אויס אַז דער שאַטען איז אויך אַ באַרג און יעדעס מיידעל איז יוחנן'ס טאָכטער.

— נו, זאָלען מיר שוין זעהן דיין וואונדער—האָבען די אַנדערע געסט אויסגערופען און זיך צולאַכט.

פראַנטאָ האָט אַ קלאַפּ געטהון מיט דער האַנד און די טהיר האָט זיך געעפענט.

עס זענען אַריינגעקומען די זינגערינס און צווישען זיי האָט זיך געפונען שלומית. געקליידט איז זי געווען אין אַ גריכישען אַנצוג און איהר שעהנהייט איז ווירקליך געווען בלענדענד.

אַלע געסט זענען איבערראַשט געוואָרען.

פראַנטאָ האָט געקוקט אַרום זיך ווי אַ ווירקליכער זיעגער, דערנאָך האָט ער זיך פערנויגט פאַר איהר. זיינע אויגען האָבען געגליהט פון תאוה, דען איהר קערפּער איז ווירקליך געווען הימליש-שעהן.

— ענטשולדיג מיר—האָט פראַנטאָ געזאָגט—וואָס איך האָב דיך בעמיהט, דען מיינע געסט זענען וועגען דיין שעהנהייט געוואויר געוואָרען און געוואָלט דיך זעהן. איך האָב דאָך נישט געקאָנט אָבזאָגען מיינע געסט און בין דעריבער געצוואונגען געווען דיך צו בעמיהען.

(פאָרטז. קומט).

י. ל. פויגעל.

דער קול פון קבר.

(צו דער כופר-נפש אקציע פאר „ישיבת חכמי לובלין".)

נאך איז דאס פוילישע יודענטום איינגעהילט אין טיעפען טרויער, צוליעב דער פטירה פון זיין פיהרער דעם שמשון הגבור פון גייסט און טהאט, פון רבי מאיר שפירא זצ"ל, נאך זענען צומאל נישט פערטריקענט די טרעהרען, וועלכע זענען מיט אזא שפע פערגאסען געווארען ביים פרישען קבר פון דאזיגען יונגען גאון און צדיק און שוין מוזען מיר איבעררייסען דאס אבילות, אויסטהון די טרויער-מלבושים אבווישען די טרעהרען פון די אויגען און ארויס אין גאס, נעמען זיך ראטעווען דאס איינציגע איבערבלייבעניש נאפ'ן דאזיגען גרויסען יוד, ראטעווען די „ישיבת חכמי לובלין".

אינ'ם טרויער-כאר פון אונאויפהערליכע הספדים, אינמיטען פון דעם יאמער, געקלאגעריי און שטומען, דערשטיקטען צער רייסט זיך אדורך און דערטראגט זיך צו אונזערע איערען א קול פונדערווייטענס, דאס קול פון קבר.

און דאס דאזיגע שטומע קול דונערט און שאלט, מאהנט און וועקט, רופט און דערמאנט. דאס דאזיגע קול, דאס קול פון קבר, איז פיעלזאגענד אין זיין שטומען שווייגען, דונערנד אין זיין טויט-שטילקייט און שטראפענד-שטארק אין זיין אונמאכט. עס שוועבט איבער איהם דער מאיעסטעט פון א העלדען-טויט. „קווי טאצענט, קלאמאנט".

און מיר דערקענען עס גלייך, דאס דאזיגע קול. עס איז דאך דאס אונז אזוי נאהנטע, הארציגע קול, די אזוי אונז בעקאנטע לייבען-שטימע פון רבי מאיר שפירא זצ"ל.

און ער רעדט צו אונז, ער רעדט צו אונזער געוויסען, צו אונזער אחריות-געפיהל, ער שטראפט און מונטערט צוגלייך און זאגט אונז אזוי צו זאגען:

פאר „ישיבת חכמי לובלין" האב איך געלעבט און פאר איהר בין איך געשטארבען. אליין האב איך דעם דאזיגען געדאנק געבוירען, אליין איהם אויסגעטראגען און אליין איהם פערווירקליכט.

געליטען האב איך אליין, אליין געטראגען אויף מיינע פלייצעס די שווערע לאסט, אבער דערפאר מיט די פרייד האב איך זיך שטענדיג מיט אייך געטיילט. איהר האט פון מיין בן-יחיד נחת געשעפט און איך האב געהאט דעם צער גידול-בנים.

ווען איך האב געלייגט דעם גרונדשטיין פאר מיין לעבענס-ווערק און איהר, צעהנדליגער טויזענדער יודען פון אלע עקען לאנד האט געיובעלט פאר פרייד און אייער פאנטאזיע האט זיך צושפילט און אייך געמאלט ליכטיגע בילדער פון דער צוקונפט, ווען אויף דעם פלאץ וועט שוין שטעהן די ישיבה-געביידע, שוין דאמאלס איז מיין הארץ געוועזען איבערפולט מיט זארג. איך האב דאמאלס גוט געוואוסט וואס עס ווארט אויף מיר. איהר זייט זיך נאך דער פייערונג צופאהרען, האפערדיגע און מונטערע און יעדער פון אייך האט אין זיין ווארימער היים געווארט אויף אנ'איינלאדונג נאך לובלין צו דער ישיבה-פייערונג. און איך?

איך האב זיך דאמאלס געלאזט אין מרחקים, געשפרייזט איבער ימים, געשפרינגען איבער גאנצע ערד-טיילען, צייט און ארט האבען אויפגעהערט פאר מיר צו עקזיסטירען. מיט'ן מארך פון מיינע ביינער האב איך אויפגעברענגט לעגענדארע סומעס פאר דער ישיבה, יעדע ציגעל האב איך אויסגעקנעטען מיט'ן שווייס פון מיין מיה, איך האב זיי, די דאזיגע ציגעל, צעמענטירט מיט'ן בלוט פון מיין הארץ און יעדען נייעם שטאק האב איך אונטערגעהאלטען מיט מיין רוקען. דעם דאזיגען קרבן האב איך פרייוויליג אויף זיך גענומען. מיט שמחה בין איך אין גלות געגאנגען, מיט שמחה די שנאר-טארבע אנגעטהון און מיט שמחה זיך אליין געווארפען אין די שווערסטע ארבייט.

און ווען איך האב שפעטער זוכה געוועזען צו דערלעבען די פייערליכע עפנונג פון דאזיגען פרעכטיגען היכל פון תורה און ווידער האט איהר, צענדליגער טויזענדער יודען פון אלע עקען לאנד און אויסלאנד, זיך פערזאמעלט און בעוואונדערט דאס ריזיגע ווערק און צו אייער שמחה איז נישט געוועזען קיין גרעניץ, אייערע אויגען האבען געקוקט, ווי אין חלום און איהר האט זיך אליין נישט געוואלט צוגלויבען, אז דאס אלעס איז א פאקט, אז דער גיגאנט וואס איז געשטאנען פאר אייערע אויגען, איז באמת בעשטימט פאר תורה, פאר ישיבה-בחורים און, אז באלד צומארגענס וועט דארט אבקלינגען ווייט און ברייט דאס הארציגע גמרא-געזאנג און די פערבענקטע טענער פון די הויות דאביי ורבא און, אז פונדאנען אויס וועלען, ווי פון א צענטראלער ליכט-סטאציע, זיך פערשפרייטען שטראהלען אין אלע ווינקעלעך פון אונזער לעבען און צויאגען די געדיכטע פינסטערנישען, וואס האבען זיך דארט אנגעזעצט, ווען איהר האט איבערגעלעבט אין דער פולער קראפט און עקספרעסיע און אייער הארץ איז פול געוועזען איבער די ברעגעס און פון אייער ברוסט האט זיך ארויסגעריסען א האפערדיג און פרעהליך ליעד;

וכאור אבוקה בחשכת הליל
לנו בגולה ישיבת לובלין

(ווי א פאקעל אין דער פינסטערניש פון דער נאכט איז פאר אונז אין גלות די ישיבת חכמי לובלין).

אין דער זעלבער צייט האט מיין הארץ געפרעסט די נאגענדע דאגה, וואס הייסט חובות און זי האט מיר פערשטערט די שמחה.

און זי האט גענאגט די דאזיגע דאגה, גענאגט דעם מארך פון מיינע ביינער, געצאפט דאס בלוט פון מיינע אדערן און געדראהט מיך צו ווארפען אין די ארעמס פון דער טויזענד-קעפיגער פערצווייפלונגס-הידרע. און נישט איינמאל האט זיך מיר אויסגעדאכטען, אז איך וועל פאלען אונטער דער דאזיגער שווערער לאסט, אבער איין בליק אויף מיינע ליעבע קינדער, די ישיבה-תלמידים, אין וועלכע איך האב געזעהן די צוקונפטיגע פיהרער פון מיין פאלק. איין בליק אויף זיי איז גענוג געווען, אז איך זאל אויך די דאזיגע לאסט נעמען אויף זיך מיט שמחה און ווייטער טראגען זי אליין און מיט מיין גוף צאהלען יעדען חוב, ווייל אהן שפורען זענען די דאזיגע שווערע מינוטען נישט געבליבען. יעדער מאמענט פון פערצווייפלונג האט נאך זיך איבערגעלאזט א בינטעל זילבערנע האר אין מיין בארד. דאס איז געוועזען מיין קרבן און אייער חרפה.

און ווען דאס ישיבה-ליכט האט אנגעהויבען צו צאנקען האב איך עס אליין מיט מיין נשמה-פייער אנגעצינדען און ווען די חובות-לאסט האט אנגעהויבען צו דריקען און געוואלט איינווארפען דעם בנין, וואס איך האב אויפגעשטעלט, האב איך מיט בלוט פון מיין הארצען געשריבען צו אייך:

„אחיכם, אחד מכם, רובץ לבדו תחת משאו ואתם לא תחושו לו לעזרה"?

(„אייער ברודער, איינער פון אייך, פאלט אליין אונטער דער שווערער לאסט און איהר וועט איהם נישט איילען צו הילף?)

אבער אייער הילף איז נישט געקומען. ווייטער האט איהר מיך געלאזט אליין, אליין! אלץ אויסטראגען, אליין ליידען, כדי מיט דער שמחה זיך מיט מיר צו טיילען.

און ווען איך בין שפעטער אונטער דער לאסט געפאלען, האב איך נאך אין דער שייפער האנד אויפגעהויבען דאס ספר-תורה אין דער הויך און דעם לעצטען קרבן פאר „ישיבת חכמי לובלין" געבערענגט. מיט מיין יונג לעבען האב איך א טייל פון די חובות בעצאהלט.

און יעצט, ווען איך ליג שוין אין קבר, קלאפ איך צום לעצטען מאל אב אין אייער הארץ און מאהן ביי אייך דעם לעצטען חוב;

ראטעוועט מיין בן-יחיד, וועלכען איך האב מיט אזוי פיעל מיה צום לעבען גערופען. פערלאזט איהם נישט און שטערט מיר נישט מיין מנוחה אין קבר. לאמיך לפחות וויסען, אז מיינע קרבנות זענען נישט געוועזען אומזיסט, אז דער כלל ישראל וועט מיין לעבענס-ווערק נישט לאזען פאלען, אז „ישיבת חכמי לובלין" וועט ווייטער עקזיסטירען און, אז דער פאדעם, וועלכען איך האב אנגעקניפט מיט דעם רוהמרייכען לובלינער עבר, וועט נישט איבערגעריסען ווערען.

— — — — — — — — —

אט מיט די דאזיגע ווערטער רעדט צו אונז דאס קול פון קבר. און עס געהט דאס דאזיגע קול פון שטאדט צו שטאדט, פון שטוב צו שטוב און פון הארץ צו הארץ. יעצט האט דאס דאזיגע קול דערגרייכט אויך אונזער שטאדט. אויך ביי אונז ווערט יעצט אדורכגעפיהרט די כופר-נפש אקציע, אבצוריינען „ישיבת חכמי לובלין" פון איהרע חובות.

און עס רופט אייך אלע טשענסטאכאווער יודען דאס קול פון קבר. עס רופט אייך אין זיין אייגענעם גרויסען נאמען, עס רופט אייך אין נאמען פון זיינע גרויסע שכנים, די חכמי לובלין ז"ל, וועמענס גייסט רבי מאיר שפירא זצ"ל האט געוואלט אין „ישיבת חכמי לובלין" צוריק אויפלעבען.

צו וועט איהר זיך צו דעם קול נישט צוהערען?

פון מיין רייזע נאך ארץ-ישראל.

פון אונזער ספעציעלען קארעספאנדענט פ. שמולעוויטש.

שלום עליכם זאגט: אויב דו פאהרסט אין דער באהן, אין דער 3-טער קלאס, טרעפסטו מענשען מכל המינים, אלע זענען היימיש און ברודערליך און ווען צוויי שמועסען, קענסטו זיין דער דריטער; מכל שכן ווען מען ווערט געוואויר אין וואגאן, אז דו פאהרסט נאך פאלעסטינא ווערען אלע מיט דיר מחותנים, שטעלען דיר שאלות אהן א שיעור און ווילען פון דיר ארויסקריגען די עצמות.

אזוי-ארום איז מיט מיר געווארען משפחה דער גאנצער וואגאן און יעדער האט מיר געגעבען אדרעסען צו זיינע קרובים און בעקאנטע, מאנכע האבען זאגאר מיר אנגעזאגט למ"ה, אז איך זאל דארט מבשר זיין, דאס זיי קומען אויך באלד אהין.

נישט ווייט איבער דער פוילישער גרעניץ זענען איינגעשטיגען א גרופע צופאהרענדע אויס דייטשלאנד, וועלכע האבען זיך ארויסגעריסען פון דארטיגען גיהנום, אויף זייערע פנים'ער האט מען אנגעזעהן די מרה שחורה און די אונמוטיגקייט. ווי איך האב בעמערקט האבען זיי נאך מורא געהאט צו רעדען א ווארט, נישט זייענדיג זיכער, אז עמיץ הערט צו וואס זיי רעדען. איך בין געוועזען נייגעריג, וואס עס הערט זיך אין דעם דאזיגען לאנד פון רשעים.

די מיטפאהרענדע אויס דייטשלאנד האבען נאך א לאנגען ישוב הדעת צו ווערען רעדענדיג, דערצעהלט אזאלכע זאכען, אז א מענשליכער פערשטאנד קאן גארנישט משיג זיין, וואס דארט טהוט זיך אב.

אין דעם צוג, וואס איז געגאנגען נאך טריעסט זענען געפאהרען יודען פון פערשידענע לענדער, אבער אלע האבען געהאט איין געדאנק, יעדער האט מורא פאר דער צוקונפט פון זיין לאנד, פאר דער מגפה, וואס פערשפרייט זיך אין דער גאנצער וועלט.

וועמען האט מען אלץ נישט געטראפען: יודען פון ענגלאנד, אמעריקא, רומעניען, פוילען און אממעהרסטען פון דייטשלאנד.

די באהן שלענגעלט זיך בארג ארויף איבער טויזענדער מעטער הויך, בערגער און טאלען, איבער דעם שעהנעם זעמערינג, וואס איז דער שטאלץ פון עסטרייך, אזוי, אז די נאטור האט איבערגעריסען יעדען שמועס פון פאליטיק.

אזוי פאהרענדיג איבער פערשידענע לענדער און גרעניצען, זענען כמעט אין יעדען לאנד איינגעשטיגען יודען, וועלכע האבען עולה געווען נאך פאלעסטינא.

די גרעסטע איבעררעשונג האט געמאכט אין טריעסט א צוג, וועלכער האט מיטגעבראכט 250 מענשען פון פערשידענע שיכטען און עלטער אויס פוילען.

דער איינדרוק, וועלכער עס מאכט דער טריעסטער האפען, איז נישט צו בעשרייבען. דער אריינפאהר ביינאכט און דער זויבערער ווייסער שטאדט מיט די לייכט-טורמען, איז נישט מיין טעמא, דאס לאז איך איבער פאר נאטור און קינסטלער-שרייבער, מיך אינטערעסירען נור די יודישע אבפאהרענדע נאך פאלעסטינא.

באלד אויף דעם באהנהויף ווארטען אב ביי יעדען צוג פארשטעהער פון פאלעסטינא-אמט נעהמען דאס געפעק און פרעגען, וואו מען וויל איבערנעכטיגען: אין האטעל אדער אין עמיגראנטען-היים. מיך האט זעלבסטפערשטענדליך אינטערעסירט צו איבערנעכטיגען אין עמיגראנטען-היים.

מיר, א גרופע פון דייטשלאנד געהן (איך מוז בעמערקען, אז יעדע גרופע פון יעדען לאנד ווערט עקסטרא געפיהרט איבער די טריעסטער גאסען, יעדער ווארפט אויף אונז א בליק און קוקט אונז נאך און מען זעהט פון זייערע בליקען, אז זיי ווייסען ווער מיר זענען און וואוהין מיר פאהרען.

אין פערלויף פון עטליכע מינוטען קומען מיר אין א שעהן ראמאנטיש געסיל, וועלכעס געהער כמעט אינגאנצען צו דער יודישער געמיינדע, דארט איז די יודישע שולה, בתי-מדרשים, שטיבלעך, מנינים מכל חמינים און אויך דאס פאלעסטינא-אמט.

מען ערקלערט מיר באלד, אז איך זאל נישט מיינען, דאס די יודען לעבען דא אין א מין געטהא—דאס נישט! די יודען אין איטאליען—טראץ דעם פאשיזם—פיהרען דא א זעהר שעהן לעבען און פיהלען זיך גאנץ פריי. אויף מיין פראגע, אויב עס איז נישט מורא צו האבען פאר דיזעלביגע געשעהענישען ווי אין דייטשלאנד, וואו די יודען האט זיך אויך געלעבט פריי, ערקלערט מיר מיין בעגלייטער, אז

וואס געהערט, וואס געזעהן.

דער לעבעדיגער טויט.

צום ערשטען מאל אין מיין לעבען האב איך געהערט דעם אויסדרוק „דער לעבעדיגער טויט" און איך בין מודה, אז עס האט מיר געפאלען די דאזיגע בעצייכנונג, וועלכע ווערט פערשטאנען, אז פערהאן מענשען, וועלכע ווען אפילו זיי שטארבען — לעבען זיי נאך אויך, דאן ווערט זייער נאמען, זייערע מעשים דערמאנט צווישען די לעבעדיגע.

אויפ'ן הספד, וואס איז פארגעקומען פערגאנגענעם זונטאג אין דער שטאדט-שוהל, האט דער שאצער רב, רעדענדיג וועגען דער גרויסער אבידה, וואס דאס יודישע פאלק האט געהאט מיט דער פטירה פון לובלינער רב, געזאגט, אז דאס איז א לעבעדיגער טויט.

דער גאנצער עולם, וועלכער איז געקומען אין די טויזענדער צום הספד האט, טראץ דער ענגשאפט זיך פערהאלטען רוהיג און מיט גרויס דרך-ארץ אויסגעהערט דעם רעדנער ביז צום סוף.

עס איז בלי ספק, אז דער מאיעסטעט דער טויט, וועלכער האט געשוועבט אין דער שוהל האט געווירקט, אז אפילו יודען זאלען זיך פערהאלטען רוהיג און שטעהן העכער 2 שעה בעת א דרשה.

עס איז טאקי צו בעוואונדערן, אז יודען, ביי וועלכע דאס געפיהל פון דרך ארץ איז ליידער לעצטענס נישט פערהאנען, איבערהויפט ווען דער רעדנער איז א פארטייאישער, פונדעסטוועגען האט דער טויט פון לובלינער רב געקאנט ארויסרופען אזא אויפריכטיגען טרויער ביים גאנצען יודישען פאלק צו אלע זיינע שיכטען; דאס איז אויך דער בעסטער סימן, אז דער נפטר איז געוועזען א גרויסער גייסט, א אונבעפלעקטע נשמה, וואס איז געוועזען בערופען צו גרויסע מעשים, צו מעשים וועלכע זענען העכער פון אונזער טאגטעגליכען לעבען און דער אכזוריות'דיגער טויט האט איבערגעריסען דאס יונגע לעבען אין מיטען שאפען און רעכטען בליהען.

דער צער פון דעם תלמיד פון דער ישיבה, וועלכער האט בעוויינט זיין גרויסען רבי'ן, ווי אויך דער גרויסער הספד, וואס עס האט געהאלטען דעם לובלינער רב'ס א יוגענד-פריינד, דער שאצער רב, וואס איז פיעל מאל איבערגעריסען געווארען דורך א ספאנטאניש געוויין פון דעם מספיד, האט אנגעשטעקט דעם גאנצען עולם און קיין איין אויג פון די אלע אנוועזענדע איז נישט געבליבען טריקען פון קיין טרעהר, אלע פערזאמעלטע האבען מיטגעוויינט און בעשלאסען ביי זיך אנטייל צו נעמען אין דער כופר-נפש-אקציע, וואס ווערט אדורכגעפיהרט, כדי צו דערהאלטען דאס ווערק, וועלכעס דער נפטר האט אויפגעשטעלט און אזוי ארום מיטווירקען, אז דער פאדעם פון לעבען פון הרב שפירא זאל נישט איבערגעריסען ווערען, אז עס זאל פאקטיש זיין, אזוי ווי מען זאגט עס — א לעבעדיגער טויט.

א מאסען-געזעלשאפט.

עס מאכט זיך שוין אזוי, אז איך מוז כסדר שרייבען וועגען דער געזעלשאפט „אחיעזר", וואס איז היינט צום טאג איינע פון די אקטועלסטע און נויטיגסטע אינסטיטוציעס ביי אונז אין שטאדט.

„אחיעזר" — נישט לאנג האט יעדער מיט ביטול גערעדט וועגען דער דאזיגער אינסטיטוציע. צו וואס טויג עס מיר? וואס דארף איך טראכטען, וואס עס וועט זיין שפעטער „יאק מגיע ניע בענדזיע?"... וואס אמאל ווערט אבער דער געדאנק רייפער און צום „אחיעזר" הויבען אן שטראמען מאסען מיטגלידער.

איך וויל נישט פאר דער אינסטיטוציע אגיטירען, איך וועל אייך בעסער דערצעהלען א קליינעם פאקט:

געלעבט ביי אונז אין שטאדט א יוד, א סוחר, וועלכען מען האט געקאנט אנרופען א וואויל-האבענדען. ער האט אויך געגעבען א סך צדקה און איז געוועזען בעריהמט מיט זיין ארענטליכקייט און מדות טובות, און היות ווי ער איז געוועזען דער הויפט-ארענטליכער מענש, האבען געמיינע מענשען דאס אויסגענוצט, מיסגעברויכט מיט זיין ארענטליכקייט און איהם צוגענומען עטליכע צענדלינג טויזענט זלאטעס, אזוי אז דער וואוילהאבענדער און ארענטליכער מענש איז געווארען פעראריימט. און ווען ער איז געשטארבען האט די געזעלשאפט „אחיעזר", וואו ער איז געוועזען א מיטגליד, זיך פערנומען מיט דער לויה, וואס איז איינגעארדענט געווארען מיט דער געהעריגער פייערליכקייט און כבוד.

אויף דער „גאס", וועלכע האט צוגעזעהן דעם כבוד וואס דער „אחיעזר" גיט אב זייערס א מיטגליד, האט די דאזיגע לויה געמאכט א טיעפען רושם און אלע האבען גערעדט מיט גרויס דרך ארץ פון דער אינסטיטוציע. פון אלע זייטען הויבען אן שטראמען מיטגלידער, וועלכע בעטען זיך, אז מען זאל זיי בעשטעטיגען זייערע דעקלאראציעס און אין קורצען וועט דער „אחיעזר" ווערען א מאסען-געזעלשאפט.

א ברודער קאמף.

אפשר דאס גלות, און אפשר דערפאר, ווייל מיר זענען איבערהויפט א אונרוהיג הייסבלוטיג פאלק, יעדענפאלס זענען מחלוקת, קריגערייען און ארומרייסענישען שטענדיג געוועזען ביי אונז אויפ'ן טאג-ארדנונג. אמאל האט מען זיך געקריגט אין שטיבעל איבער עליות (אויך היינט האט מען זיך נישט אויפגעהערט צו שלאגען וועגען דעם אין די מנינים), היינט קריגט מען זיך ארום איבער פארטייאישע, אידעאלאגישע און טאקטישע אונטערשידען.

עס איז גענוג אנצוווייזען אויפ'ן קאמף צווישען די ציוניסטישע שאטירונגען, וועלכע בעקעמפען זיך מיט אזעלכע מיטלען, ווי זיי וואלטען נעווען שונאים אויף לעבען און טויט. צי וואלט דאס געקענט טרעפען ביי אן אנדער אומה ולשון, אז מענשען, וועלכע האבען שליסליך איין אידעע — אויפצובויען ארץ-ישראל לעם ישראל, זאלען צווישען זיך זיין שונאים אויף מעסער-שטאך. (דער אויסדרוק מעסער-

דער אַנטיסעמיטיזם אין איטאַליען ווערט איינגאַנצען אונטערדריקט און דערווייל איז נישטאָ וואס מורא צו האבען.

די עמיגראַנטען-היים, וועלכע געהער דעם פּאַלעסטינאַ אַמט און ווערט אויס-געהאַלטען פון דער יודישער געמיינדע איז אַ 3-שטאָקיגע געביידע. אויף יע-דען שטאָק זענען איינגעריכטעט צי-מערן מיט מעהרערע בעטען פאַר די אָנגעקומענע, עס הייסט מען ווערט בעזאָרגט מיט שלאָפען און עסען. דאס טרשטע טאקי יאָ — אָדער עסען ווערט אפילו בערעכענט און נישט געגעבען און ווען מען איז אַ גרינער—בעצאָהלט מען טאקי פאר נישט-עסען...

אַזוי איבערנעכטיגט מען 2—1 נעכט ביז'ן טאָג, ווען די שיף דאַרף אָב-געהן; כאור הבוקר ווערט מען גע-פיהרט צום האַפען, וואו עס וואַרט שוין די שיף. אין פאַרלויף פון 1 שעה קומען זיך צונויף אַ פאַר הונדערט מענשען און אַלע מיט דעם איינעם ציעל.

פאַר די אויגען שטעהט די גרויסע ריזען - שיף, מען לאַדעט איין פיעל טויזענדער פּאַקעטען און קאַסטענס מכל המינים און דאס געפיהל איז ביי יע-דען, אַז אָט באַלד שיידען מיר זיך מיט די פיעל קרובים און בעקאַנטע דורך דעם וואַסער און עס ווערט אַ וואַנד צווישען אייראָפּאַ און די ווייטע מקומות. אָבער דאס איז נישט אַ גע-פיהל פון טרויער, עס דערוועקט זיך ביי יעדען דער געדאַנק, אַז נישט לאַנג וועלען זיינע קרובים און בעקאַנ-טע אויך דאס מיטמאַכען און שטיל מורמעלט מען: להתראות.

נאָכ'ן ערלעדיגען זיין מקום-מנוחה, אין די שיף - צעלטען, קומט יעדער מיט קינד און קייט אויפ'ן דעק ביי-צוזאַמען דעם היסטאָרישען מאָמענט, ווען מען שיידט זיך פון אייראָפּאַ.

די שיף גיט 3 סיגנאַלען, אַנ'אָר-קעסטער שפּיעלט דעם לעצטען מאַרש און אַ גרופּע חלוצים טאַנצען אַ „הורא“,

לאַנגזאַם, ווי גישט - בעמערקבאַר, ריהרט די שיף פון אָרט און אַ כאָר פון אַ פאַר הונדערט מענשען זינגט „התקוה“.

אָבער באַלד ווערט דאס געזאַנג פערשטומט, אָבגעהאַקט, ביי מאַנכע ווייזען זיך טרעהרען אין די אויגען און אַלע העבען בעוועגען זיך טאַשען-טיכלען, וועלכע ווינקען צו די אי-בערגעבליבענע בעגלייטער אָדער קרו-בים, וואס זענען ווייס, ווייט פון דעם אָרט, זייער לעצטען גרוס פאַר אייראָ-פּאַ.

(סוף קומט).

פ. ב—ץ.

טעאַטער=נאָטיצען.

קאַמעראַל=טעאַטער. די „בריק“, פּיעסע אין 3 אַקטען פון י. שאַניאַוואָסקי רעזשי אַ. גאַל.

שאַניאַוואָסקי איז איינער פון די בע-דייטענדסטע פּוילישע דראַמאַטורגען. ער רעפּרעזענטירט דאס דאָזיגע ליטע-ראַטור-געביעט אין דער לעצטענס גע-שאַפענער ליט. אַקאַדעמיע.

צוליעב דעם שוין גופא האָבען מיר ערוואַרט מיט נייגיר די אויפפיהרונג פון זיין ווערק: „די בריק“. מעגליך, אַז דאס האָט אין אַ געוויסער מאָס בע-וואוינען אויך דעם רעזשיסער צו ווייַ-זען אונז איינע פון שאַניאַוואָסקי'ס שאַ-פונגען.

מיר האַלטען אָבער, אַז דער אויס-וואַהל איז געווען נישט קיין געהעריגער. עס דאַרפען בעגריסט ווערען די פּרובען פון ה' א. גאַל אויפצופיהרען שאַפונ-גען פון בעדייטענדער ליטעראַרישער ווערט, אָבער ס'מוזען אייגנטליך גענו-מען ווערען אין אכט די ספּעציפישע סצעניש פאָדערונגען, וועלכע ווערען נישט בעריקזיכטיגט דורכ'ן מחבר אין דאָזיגען ווערק

כדי די דערמאַנטע ווערטער זאָלען ארויסקומען קלאָרער, איז כדאי בקיצור איבערצוגעבען די פאַבולע פון דער פּיעסע:

אַ מעשה מיט אַ בריק. אַ דאָרפס-מענש, זיינענדיג כל-ימיו אַנ'איבערפיה-רער פערליערט זיין פרנסה צוליעב דער בריק. דער זוהן זיינער, אַנ'אַרכיטעקט, קומט אהיים צום פאָטער, אום דאָרט במנוחה אויסצואַרבייטען זיין פּראָיעקט צו אַ קאָנקורס אויף אַ געבייַדע פאַר דער ליגע צום קאַמף פאַר מענשען-רעכט. ווי דער שטייגער איז, האָט דער יונגערמאַן אַ כלה, וועלכע קומט צו איהם, וועקט איהם צו דער אַרבייט און מ'ליעבט זיך.

געשעהט אָבער אַנ'אומגליק: ווען דער אַרכיטעקט דאַרף איבערשיקען זיין פּלאַן ווערט מען געוואויר, אַז די בריק איז אויפגעריסען געוואָרען דורך אַ קריג. דער אַלטער, וועלכער — ווי ס'איז דערנאָך פעסטגעשטעלט געוואָ-רען האָט געהאַט אַ האַנד דערין — דעצידירט זיך אריבערצופאָהרען אויף זיין קליינע לורקע, איינשטעלענ-דיג דערביי זיין לעבען, כדי איבערצו-שיקען דעם פּלאַן. עס געלונגט איהם טאַקי, נור אהיימקומענדיג ווערט ער ערשטיקט פאַר אונטערזינקען די בריק.

נו, מילא מעשיות געשעהען פערשיי-דענע. דער מחבר האָט וואַרשיינליך געוואָלט אונז ווייזען אַ טיפּ פון דער אַלטער וועלט, וועלכער פערליערט דעם באָדען אונטער די פיס צוליעב דער פאַרשריפט און זוכט נקמה צו נעמען אין אָביעקט, וואס איז אַ פועל - יוצא פון פּראָגרעס, ווי אויך אַ יונגען מענש מיט אַספּיראַציעס און פּלענער, וואס קען יעדען פאַל נישט מסכים זיין איינ-צושטעלען דאס לעבען פון אַ יחיד, בעת אפילו זיין אַרבייט (זיין געוויסען-ביסען צוליעב'ן ערלויבען דעם פאָטער אויף אַזאַ שריט) איז בעשטימט פאַר אַנ'אינסטיטוציע מיט גרויסע הומאַניס-טישע שטרעבונגען. אָבער דאס אַלץ איז איבערגעגעבען געוואָרען סצעניש שוואַך, אין לאַנגע, איינטאָניגע איבער-געטריבען חקירה'דיגע דיאַלאָגען.

די גאַנצע פּיעסע איז אַדורכגעזאַפּט מיט פּסיכאָלאָגיע, מיט גריבלענישען. אַלץ חוקר'ט, אַלץ פילאָסאָפירט. אפילו דער פּאַליציאַנט, וואָס קומט אריין אַרעסטירען דעם אַלטען, איז נישט סתם קיין אָרדנונגס - היטער, נור אַ נישט-דערגאַנגענער אינטעליגענט. ער זעצט זיך ביים אויווען (אגב האָט מאַ-לינאָווסקי זיין קורצע ראָל אָבגעשפּילט ווי געהעריג) און גריבעלט זיך וועגען זיין ראָל אויף דער וועלט. ער האַלט, אַז אַלס פּאָליציאַנט מאָר ער נישט קריטיש דענקען, ווייל זעלבסטשטענ-דיג טראַכטען קען נור אַ ריכטער און נאָך אַזאַלכע הויכגעשטעלטע לייט. ער איז נאָר אַ שרייפעל, בעקלאָגט ער זיך, אין דער גרויסער וועלט - מאַשין א. ז. וו. ווייל אָבער דעם אַרכיטעקטס כלה געבען דעם „שרייפעל“ שוחד — טויג נישט: ער מוז זיין געוויסענהאַפט; זאָגט זי, אַז ער איז טאַקי מיט זיין איבערגעבענהייט אין אָרדנונג — טויג אויך נישט. מיט איין וואָרט זעהר אַ „קאָמפּליצירטער“ פּאָליציאַנט.

אויך דער אינערליכער פּראָצעס פון אַרכיטעקט, זיין געוויסען-ביסען צוליעב ערלויבען דעם פאָטער זיינעס צו פאָהרען בשעת סכנה מיט זיין אַרבייט, איז אהערגעגעבען דורכ'ן מחבר נישט אי-בערצייגענד. אייב דער מחבר האָט געהאַט בדעה צו ענטוויקלען פאַר אונז דאס פּראָבלעם פון יחיד און רבים, די פראַגע וועגען כשר'ן די מיט-לען צו אַ דערהויבענעם ציעל, אָדער גאָר דאס פּראָבלעם פון טעכנישען פּראָגרעס און עטישער ענטוויקלונג פון אונזער תקופה, וואס געהען לײַדער ווײַט נישט פּאַראַלעל, האָט ער עס געקענט ברענגען צום אויסדרוק אויף אַנ'אַנ-דערן, מעהר סצעניש אויסגעהאַלטענעם און מעהר איבערצייגענדען אופן.

אויף אונז ווירקט זעהר שוואַך דער געראַנגעל פון אַרכיטעקט, וועלכער איז נישט קיין פּראָדוקט פון דער אַקציע-ענטוויקלונג, נאָר קומט פּלוצים (און דווקא, ווען דעם פאָטער געלונגט אַרי-בערצופיהרען).

אויב מיר לײַקענען נאָך פּסיכאָלאָגישע גריבלונגען, וועלכע ווערען, אגב לעצ-טענס ביי די מחברים ווי ווייט מעגליך רעדוצירט, זענען מיר פּשוט נישט אים-שטאַנד צו זיצען צוויי שעה אין טע-אַטער און צוצוהאָרכען זיך צו רעדע-רייען, נישט קיין נייע און נישט-ארויס-פליסענדע פון דער עצם אַקציע. מען האָט טיילמאָל דעם רושם, אַז דער מחבר האָט אריינגעפּלאָנטען בכיוון נאָך אַ טיפּ (ווי דעם פילאָזאָפירענדען פּאָליציאַנט), כדי צו האָבען די מעג-ליכקייטען צו גראָבלען זיך.

בקיצור: די פּיעסע בעזיצט נישט ווייניג דינאַמישעס, ווייניג בעוועגונג (אוי-סער דער מאָמענט פון אַלטען'ס אָב-פאָהרען), קיין איבערברוכס-סצענעס, די אַקציע איז צוצויגען לאַנג, מרה-שחו-רה'דיג, באריכות און לאַנגווייליג.

וואס איז נוגע די שפּילער האָבען זיי געהאַט אַ שווערע אויפגאַבע צוליב דעם נישט דאַנקבאַרען מאַטעריאַל, וואָ-רום נאָר אַרטיסטען יחידים זענען פעי-היג אין אַזעלכע האַמטענע שאַפונגען ארויסציעהן בשלימות אָבער פונדע-סטוועגען איז די אויפפיהרונג געווען אַ זאָרגפעלטיגע.

בעזונדערס האָבען זיך אַרויסגערוקט: וואַיטעצקי אַלס האַלב-פערגאַרטער אַר-בייטער. אַ פיינע כאַראַקטעריסטישע ראָל, אהערגעגעבען מיט פערשטענד-ניש; ברעם אַלס פאָטער און די בע-חנ'טע מאַטאַטשינסקאַ (וועגען די צוויי נייע שפּילער באַלצערזשאַק [דאס ער-שטע מאָל] און קאַפּטשינסקאַ וועלען מיר זיך ארויסזאָגען ביי אַ צחײַטער געלעגענהייט, דערקענענדיג מעהר זייַ-ערע שוישפּילערישע וואַלאָרען).

די רעזשי אַ דורכגעטראַכטע און זאָרגפעלטיגע דעקאָראַציעס, ווי תמיד, בעשיידענע און ציכטיגע.

ביי פערדייאונגס-שוואַכקייט, בלוט-אָרימקייט, אַבמאַגערונג, בלייכזוכט, דריזען-ערקרענקונגען, הויט-אויסשיטונג, רעגולירט די אַזוי - וויכטיגע קישקעס-טעטיגקייט דאס נאַטירליכע ביטער-וואַ-סער Franciszka Józefa



שטאָך איז נישט קיין צו-שטאַרקער...)

איצט הויבט זיך אָן אַ נייע מחלוקה און דאס צווישען די רעוויזיאָניסטען, וועלכע האָבען ערשט נישט לאַנג גע-בילדעט אַ גרויסע אָרגאַניזאַציע, אי-נערהאַלב דער ציוניסטישער פּאַרטיי, נאָר האָבען געפירעדיגט אַנ'אַנדערע טאַקטיק, האָבען זיך איצט געשפּאָלטען אויף צוויי לאַגערן: זשאַבאָטינסקי לייט און גראָסמאַניסטען און געליבט איז גאָט, מען וועט זיך אָנהויבען צו ריי-סען ביי די נעז צווישען זיך, ד. ה. אַז די נעכטיגע ברידער וועלען זיך ווערען טויט-שונאים.

אַלס אַ סימן איז גענוג געווען בלויז צו זיין עדות אויף ה' מאיר גראָס-מאַנ'ס פאָרלעזונג, אויף וועלכער די ביתרים האָבען געליאַרעמט, געשריגען און אויך (ווי עס פערזיכערען די גראָס-מאַניסטען) אונטערגעלייגט שטינק-באָמ-בעס. במילא וועלען דאָך די גראָסמאַ-ניסטען נישט שווייגען, זיך אָנהויבען קריגען מיט די ביתרים און זיי גוט אָנזידלען (איהר קאָנט דאס טאקי גע-פינען אין היינטיגען נומער פון אונזער צייטונג). אונזערע ביתרים זענען דאָך אָבער אויך נישט קיין שרעקעוודיגע און וועלען צוריקקלאַפּען, וועט זיך דאָך אָנהויבען אַ מחלוקה, וואס וועט זיך פונאַנדערפלאַקערען אין אַ גרויסען ברודער-קאַמף.

אין דער יעצטיגער סיטואַציע, ווען אין ארץ-ישראל בעגרעניצט מען די יודישע איינוואַנדערונג, איז דער ברו-דער-קאַמף פּשוט אַ לעבענס-נויטווענ-דיגקייט...

גנה, הויב אָן מיט זינגער!...

וויפיעל מאָל האָט מען פּרובירט אויפצולעבען די מוזיקאַלישע געזעל-שאַפט „לירא“ און טראַץ אַלע בעמי-הונגען און איינשפּריצונגען איז זי דאָך אונטערגעגאַנגען, עס האָבען אפילו נישט געהאָלפען די נייע „כחות“, וועלכע האָבען זיך צו איהר גענומען און צוגעזאָגט, אַז זיי וועלען שוין איינמאָל עפּיס אויפטהון.

איז געשאַפען געוואָרען אַ מענער-כאָר א. נ. פון א. ב. בירנבוים, דאס האָט געזאָלט זיין שוין איינמאָל אַ כאָר מיט אַ צוקונפט און אין תחילת האָבען זיי טאַקי געאַרבייט און געבערענט מעשים. זאָגאַר 2 קאָנצערטען און זעהר געלונגענע האָבען זיי אויפגעפיהרט זענען זיי דאָך אָבער זינגער, האָבען זיך אריינגעריסען מחלוקות און קריגע-רייען און דער סוף איז, ווי מען אינ-פאָרמירט מיך, אַז אויך דער דאָזיגער כאָר איז דערווייל אונטערגעגאַנגען.

בירנבוים איז פערגעסען געוואָרען און אויך דער כאָר, וואס איז געשאַ-פען געוואָרען אויף זיין נאָמען, וועט באַלד געהערען צו דער פערגאַנגענ-הייט.

הייבט מען דאָך אָן צו פרעגען: היתכן? פאַרוואָס און פאַר ווען? איז דער תירוץ: גנה, הויב אָן מיט זינ-גער...

זיי מאַכען נישט קיין אימפּרעזעס.

די וואָך איז מיר אויסגעקומען צו זיין אין מנין פון דער גמילת-חסד-קאַ-סע (פּילסודסקי 31) און פונקט געטראָ-פען ווי די פערוואַלטונג האט אָפּגע-האַלטען אַ זיצונג, אויף וועלכער עס איז בעטראַכט געוואָרען די פראַגע פון געבען הלוואות פאַר עטליכע צעהנד-ליגג פּעטענטען.

אינצווישען איז בעטראַכט געוואָרען די פראַגע ווי אַזוי מען נעמט געלד, כדי צו קאָנען פיהרען די אַרבייט און ווייטער ארויסהעלפען צעהנדליגגער בעלי-מלאכות און קליינהענדלער פון זייער קלאָגענדיגען מצב. דערווייל איז אריינגעפּלאָסען אַ פאָרשלאָג, אַז מען זאָל מאַכען אַנ'אימפּרעזע, ווי למשל, אַ פאָרשטעלונג אָדער אַ בלי-מעל-טאָג און! מאָטיווירט האָט דער פּראָיעקט - געבער זיין פאָרשלאָג דער-מיט, וואס אַלע אַנדערע אינסטיטוציעס, מינדערוועירטיגע, אָרדנען איין בלימעל-טעג און אַנדערע אימפּרעזען, פון וועל-כע זיי האָבען אַ סך געלד, דעריבער זאָל דער „גמילות חסד“ אויך איינאָר-דנען אַזאַ אימפּרעזע.

די מעהרהייט פון דער פערוואַלטונג האָט דעם פאָרשלאָג אָנגעוואָרפען, האַלטענדיג, אַז קיין אימפּרעזעס ווי-לען זיי נישט איינאָרדנען, נאָר זיי ווילען זיך אויסהאַלטען פון דעם מיט-גלידס-אָבצאָהל. דערצו איז אָבער נוי-טיג, אַז די ברייטע יודישע געזעל-שאַפט, וועלכע אָנערקענט, אַז דער „גמילת-חסד“ (פּילסודסקי 31) טהוט אַ נויטיגע אַרבייט, זאָל זיי אונטער-שטיצען; קיין אימפּרעזעס ווילען זיי נישט מאַכען.

זיי האָבען שלעכט קאָנצערטירט.

דאָס הייסט נישט, אַז זיי האָבען שלעכט געזינגען, ווארום געזינגען האָ-בען זאָך בלויז די לעורעאַטען, טאָ מסתמא האָבען זיי געזינגען, ווי עס געהער צו זיין, אלא וואָס דען — די איגציאַטאָרען האָבען גענומען אַ פאַלשען טאָן און דעריבער איז דער קאָנצערט אַדורכגעפאַלען.

איהר פערשטעהט דאָך, אַז איך מיין דעם קאָנצערט, וואָס איז איינגעאָר-דענט געוואָרען פערגאַנגענעם שבת דורך דער „סלאָוואָ“, וועלכע האָבען געשטעלט אַזעלכע פּרייזען פאַר די בילעטען, אַז דער עולם איז געבליבען זיצען אינדערהיים.

האָבען מאַקי די זינגעריגס און די זינגער זעהר שעהן געזינגען, אויך אונזער יודישער לאָורעאַט ה' ריכטער האָט זיך אויסגעצייכענט און אָבגעזינ-גען זיינע דריי נומערען גלאַטיג און פיין, נאָר די איינאָרדנער פון קאָנ-צערט האָבען דערפאַר זעהר שלעכט קאָנצערטירט...

אַכטונג, יודישע יונגעלייט!

עס געהט מיך נישט אָן, ווי איהר פערברענגט אייערע אָוועגדען און וואו איהר טרינקט אייער קאַווע מיט טשאַסטעס. איך וויל אייך אויך נישט מוסר'ן פאַר דעם, ווייל איהר פער-ברענגט דאָרט, וואו איהר דאַרפט נישט פערברענגען.

אין וועל אייך נאָר מאַכען אויפ-מערקזאַם, אַז אין דער צווייטער אַלעע 18 האָט זיך געעפענט אַ נייע יודישע קאַוויאַרניע אין אַ העררליך-איינגעאָר-דנטען היגיענישען בעקוועהמען לאָ-קאַל, וואו מען בעקומט פייגע פרישע טשאַסטעס און אויך אַ געשמאַק גלעזיל קאַווע אָדער טהיי.

ס'מאַכט נישט אויס, יודישע יונגע-לייט, ווען איהר פערברענגט אייערע אָוועגדען און דאס ביי אַ גלעזיל „טשאַרנע“, זאָל עס שוין זיין אין אַ יודישער סביבה.

אַ בעקער=דעמאָנסטראַציע.

עס איז בלי ספק, אַז די בעקער-אַרבייטער געהערען צו די נישט זעהר גליקליכע פּראָלעטאַריער. בלויז זייער פאַך, וואס דיקטירט צו אַרבייטען ביי-נאַכט, איז שוין נישט אַזוי פוינעלדיג, אויסער דעם איז די אַרבייטסלאָזיגקייט ביי זיי אַנ'אָפטער גאַסט.

האָבען זיי דעם פערגאַנגענעם זונ-טאָג געדאַרפט ערלעדיגען אַ סכסוך מיט זייערע ברויט-געבער (לייען: מעהל-געבער), וואס איז פאָרגעקומען אין לאָקאַל פון האַנדווערקער - פערבאַנד, האָבען זיי איינגעאָרדענט אַנ'אָריגינע-לע דעמאָנסטראַציע: אַנ'ערך 50 בע-קער-אַרבייטער האָבען מאַרשירט אי-בער די גאַסען און זיך אָבגעשטעלט אויפ'ן הויף פון לאָקאַל (אַלעע 12) און אַ דעלעגאַציע איז אַוועק אונטער-האַנדלען מיט די „בורזשואַזע“ בעקער-מייסטער.

די דעלעגאַציע איז באַלד צוריק-געקומען און ערקלערט, אַז די קאָנפערענץ ווערט אָבגעלייגט אויף מיט-וואָך. צו קיין רעוואָלוציאָנערע אי-בערקעהרעניש איז נישט געקומען און האָבען זיך נאָר בעגנוגענט מיט אַ בלויזער דעמאָנסטראַציע.

לויתן

פערבייגעהענדיג.

ביי זיי און ביי אונז.

אויף דער איינלאַדונג פון שול-קוראַטאָריום זענען מיר אוועק אנטיילגענומען אין דער שמחה לכבוד דער ערעפנונג פון דער נייער שולע אויף דער נאַרוטאָוויטש-גאַס.

איך זאָג: מיר זענען געגאַנגען, ווייל צוזאַמען מיט מיר, וועלכער האָב דעם כבוד צו פיאַסטעווען דעם מאַנדאַט פון הויפּט-אַפּיעקון אין דער יודישער פּאָווּשעכנע שולע נומער 12, איז מיטגעגאַנגען דער פערטרעטער פון הויפּט-אַפּיעקון ה' ווייס.

מיר, וועלכע האָבען אין משך פון 6 יאָהר אויף אַלע זיצונגען נאר געטראַכט וועגען א נס, אַז אויך די יודישע קינדער זאַלען האָבען אַ בעקוועהמע שולע צום לערנען, מכשירים פאַר'ן נויטיגסטען געברויך און כסדר געהאַלטען אין איין אינטערווענירען ביים שול-אינספּעקטאָר, ווי אויך אין מאַגיסטראַט וועגען יעדער קלייניגקייט, זענען געווען נייגעריג צו זעהן ווי אַזוי עס זעהט אויס אַ נייע שולע, וואס ווערט געעפענט ספּעציעל פאַר קריסטליכע קינדער.

דעם פּראַכט און גלאַנץ, וואס מיר האָבען דאָרט געטראָפען איז נישט מעגליך איבערצוגעבען. עס וועט גענוג ויין צו זאגען, אַז מיר, מיט אונזערע מאָדערנע בעגריפען וועגען זאַכען און געשעהענישען, זענען געבליבען ווי פערגאַפּט, זעהענדיג דעם קינדערישען גן-עדן.

גרויסע ליכטיגע צימערן מיט אַלע מאָדערנע היגיענישע איינריכטונגען, מיט צענטראַל בעהייצונג אפילו אין די קאָרידאָרען. אין יעדער קלאַס וואָרים און קאַלט וואַסער, ספּעציעלע באָד-צימערן און אפילו די אוביקאַציע איז שעהנער פון די שעהנסטע קלאַסען, אין וועלכע עס לערנען זיך יודישע קינדער; דאַן איז פערהאַן אַ הערליך-איינגעאָרדענט שולע-געוועלבל, מיט אַ ספּעציעל צימער פאַר „פּאָמאָץ נאַאוקאָווע", אַ גרויסער פּרעכטיגער זאַל אויף גימנאַסטיק און נאָך צעהנדלינגער און צעהנדלינגער בעקוועהמליכקייטען, וואס מיר זענען עס גאָך נישט געוואוינט צו זעהן און אַפילו נישט צו חלום'ען דערפון.

מיר האָבען גאַנצע 2 שעה אַרומשפּאַצירט איבער די אַלע צימערן, געהאַלטען אין איין בעוואונדערען און כסדר אַריינגעפאַלען אין התפעלות; אונז האט זיך דאס האַרץ געפרעהט, אַז ענדליך האָבען אונזערע טאַטעס פערשטאַנען, אַז דאס קינד, וואס לערנט אין דער שולע, איבערהויפּט די אָרימע קינדער דאַרפען ערצויגען ווערען אין אַ געזונדטער אַטמאָספערע, כדי דער צוקונפטיגער דור זאָל זיין פיזיש שטאַרק און במילא אויך גייסטיג געזונד.

ווען מיר האָבען ענדליך נאָך פיעל אַנגענעהמע איינדריקען פערלאָזט די שולע, האָבען מיר גלייכצייטיג וויזיטירט אַנ'אָבטיילונג פון אונזער שולע, וועלכע געפונט זיך אויף נאַרוטאָוויטשא 16. מיר האָבען געהאַט דעם איינדרוק, ווי מיר וואָלטען אַראָבגעפאַלען פון הימעל אין א טיעפען פינסטערען גרוב. בעת דער איינגאַנג אויפ'ן הויף פון דער שולע מאַכט אַ שוידערליכען איינדרוק, די עטליכע טרעפּלעך, וואס פיהרען אויפ'ן הויף, זענען צובראָכען און צוקרישעלט, אַז עס איז ווירקליך א וואונדער, דאס די קינדער, וועלכע זענען אימפּולסיוו און לויפען, צוברעכען נישט די פיסלעך. דאַן ליגען אָנגעוואָרפען צובראָכענע שטיקער גלאָז און אנדערע אָבפאַל. די צימערען, וואו די קינדער לערנען זענען נידריג און ענג, די בענק—צובראָכען; וואסער מוז מען נעמען אויפ'ן הויף און מען דאַרף ציטערען, אַז דער בעל-הבית זאָל נישט בעמערקען, וואָרום ער קען זיך בייזערען, אַז עס געהט צופיעל וואסער אַוועק. דאַן מוז מען אויך זיין זעהר אויסגערעכענט מיט'ן שטיקעל קויהל, וואס מען בעקומט פון מאַגיסטראַט אָפּגעוואויגען און אָבגעמאָסטען און ווער שמועסט, אַז עס צוברעכט זיך א לעמפּיל, מוז מען שוין שיקען א דעלעגאַציע, וואס זאָל אויספּועל'ן מען זאָל בעקומען אַן אַנדער לעמפּיל.

דאס איז נישט בלויז אין דער דאָזיגער שולע, נאר אין אַלע יודישע פּאָווּשעכנע שולען. בעזונדער געפונט זיך די שולע נר. 12 נישט אין איין לאָקאַל, נאַר זי איז צוואָרפען אויף עטליכע גאַסען פון שטאָדט, אַזוי, אַז די לעהרער מוזען וואַנדערען איבער'ן טאָג פון איין לעקציע צו דער אַנדערער פון איין עק שטאָדט ביז'ן צווייטען עק.

זיצען מיר אַזוי און טראַכטען: מיר זענען דאָך דיזעלבע בירגער פון לאַנד, ווי אַלע אַנדערע. די שולען ווערען דאָך אויסגעהאַלטען פון יודיש געלד, פּונקט אַזוי ווי פון קריסטליכעס. און נעמענדיג אין בעטראַכט, אַז יודען זענען דער מיטעל-קלאַס, אויף וועלכען דער שטייער לאַסט ליגט אַממעהרסטען, טאָ פאַ־וואָס, רבש"ע, דאַרפען אונזערע אָרימע קינדער זיך לערנען אין ענגע, נישט - בעקוועהמע, אַלטע לאָקאַלען, פאַרוואָס האָבען מיר נישט די זכיה, אַז לויט דעם פּראָצענט-זאַץ, וואס מיר מאַכען אויס אין שטאָדט און דעם פּראָצענט - זאַץ שטייערען, וואס מיר צאָהלען, אַז אויך אונזערע יודישע קינדער זאָלען האָבען כאָטש איין שול-געביידע מיט מאָדערנע איינריכטונגען.

מיר זענען נישט מקנא די קריסטליכע קינדער צוליעב זייערע הערליכע שולען. מיר האָבען נאָר די נישט-דרייסטע דרייסטקייט צו פערלאַנגען, אַז אויך פאַר אונזערע יודישע קינדער זאָל ווערען כאָטש איין אַזאַ שולע אָוועקגעגעבען.

דאַכט זיך, אַז על פי יושר, אין נאָמען פון גערעכטיגקייט, האָבען מיר דאס רעכט עס צו פערלאַנגען.

ש. פראַנק

אַ גוטע - אָדער שלעכטע?

דער אויסערליכער אויסזעהען פון דער זשאַרובקע וועט דאָס דיר נישט זאָגען — רעשט אין געברויכען וועסטו דערקענען איהר ליכט-אויסגיביגקייט און דעם פערברויך פון שטראָם. קויף אַלזאָ נאָר די פון הויכער קוואַליטעט עקאָנאָמישע זשאַרובקעס פון דער וועלט-מאַרקע

TUNGSRAM

דער גרויסער טרויער-אָוונד נאָכ'ן לובלינער רב זצ"ל.

זונטאג איז פאַרגעקומען אין דער שטאָדט שוהל אַ טרויער-אָוונד, צוליעב דער פטירה פון לובלינער רב זצ"ל. דער דאָזיגער אָוונד האָט, ווי ס'איז איבעריגענס געווען פאָראויסצוזעהען, צוגעצויגען אַ פיעל-טויזענדקעפּיגען עולם, וועלכער האָט נאָך א שעה פאַר'ן אָנהויב איבערפולט די שוהל איבער די ברעגעס. אַ גרויסער עולם, וועלכער האָט זיך שוין נישט געקאָנט אַריינבעקומען אין שוהל, האָט איבערפולט די גאַנצע גאַס אַרום דער שוהל, וועלכע איז ממש געוועזען שוואַרץ פון מענשען.

דער ערשטער האָט מספיד געוועזען דער תלמיד פון „ישיבת חכמי לובלין" דוד ווייסבראָד, וועלכער האָט אין ריהרענדע ווערטער געשילדערט די פערזענליכקייט פון גרויסען נפטר זצ"ל און אַרומגערעדט די גרויטע אבידה פאַר'ן גאַנצען יודישען פאָלק. ד'ערנאָך האָט מספיד געוועזען דער פּרעשאָווער רב שליט"א, וועלכער האָט זיך ספּעציעל אָבגעשטעלט אויף דעם נפטר'ס לעבענס ווערק „ישיבת חכמי לובלין", איבערגעבענדיג גלייכצייטיג עפּיזאָדען פון לעבען, פון דאָזיגען גרויסען יוד.

בשעת די הספדים האָט זיך די שוהל ממש געווייקט אין טרעהרען. בעזונדערס ריהרענד איז געוועזען דער מאָמענט, ווען דער פּרעשאַווער רב האָט איבערגעריסען זיין הספד, געזעצט זיך שבעה אויף דער פּאָדלאָגע און דער חזן ה' באַראַש האָט געמאַכט א „מלא רחמים". די דאָזיגע איינדרוקספולע סצענע האָט ערשיטערט די טויזענדער יודען, וועלכע זענען געוועזען פערזאַמעלט אין שוהל און איז בעגלייט געוואָרען פון אַנ'אַלגעמיינעם, יאָמערליכען געוויין.

כדאי צו בעמערקען, אַז דער פּרעשאָוער רב. שליט"א, וועלכער האָט געהערט צו די נאָהנסטע פריינד פון גרויסען נפטר זצ"ל איז איינער פון די חשוב'סטע רבנים פון אונזער צייט און קומט אין בעטראַכט אלס נאָכפאָלגער פון לובלינער רב זצ"ל. וויילענדיג די פאָריגע וואָך אין פּיעטרקאָוו, וואו ער דריקט זיינס א חיבור א. נ. „קידוש השם", וועלכעס נעמט אַרום הלכה, אגדה און וויסענשאַפטליך-היסטאָרישע פּראָבלעמען, האָט ער געהאַלטען א הספד אין דער שטאָדט-שוהל. דער דאָזיגער הספד האָט געמאַכט אַזאַ רושם אויף דער שטאָדט, אַז ס'זענען אויפ'ן אָרט צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען טויזענד חתימות אויף א כתב-רבנות פאַר'ן פּרעשאָווער רב, וועלכער זאָל אין פּיעטרקאָוו פערנעמען דאס כסא-רבנות, וואָס איז זייט דעם אָבטרעטען פון לובלינער רב זצ"ל, געבליבען נישט פערנומען.

אויף דעם טרויער-אָוונד אין דער היגער שטאָדט-שוהל איז גלייכצייטיג פּראָקלאַמירט געוואָרען די כופר-נפש-אַקציע פאַר „ישיבת חכמי לובלין", וועלכע האָט גלייך געהאַט צו פערצייכנען א גרויסען ערפאָלג.

פערזאַמלונג פון „בריח - החיל".

שבת, דעם 25 ד. ח. פּונקטליך 6 אַ זייגער אָוונד וועט פאַרקומען אין אייגענעם לאָקאַל (אַלעע וואַלנאַשטשי 16) אַ פערזאַמלונג פון „בריח החיל" מיט דער בעטייליגונג פון וואָיעוואָדישען קאָמענדאַנט ה' עוליך.

עס ליגט אין אינטערעס פון אַלע רעזערוויסטען און געוו. מיליטער-לייט זיך צאָהלרייך צו בעטייליגען אין דער פערזאַמלונג.

פערזענליכעס.

דער היגער איינוואוינער, ה' יצחק בלום, ביטוריענט פון יודישען געזעלשאַפטליכען גימנאַזיום, האָט נאָכ'ן בעלעגען דעם געהעריגען עקזאַמען און אָבגעגעבען די שבועה, געעפענט אַנ'אַדוואָקאַטען-קאַנצעלאַריע אין ראַדאָמסק.

יודענשטאַטס-פּאַרטיי אין טשענסטאָכאָוו.

דערמיט מעלדען מיר דאָס ביי אונזער אָרגאַניזאַציע איז געגרינדעט געוואָרען א יוגענד-אָרגאַניזאַציע אונטער דעם נאָמען „ברית-קנאם". איינשרייבונגען נעמט אָן דער סעקרעטאַריאַט פון דער אָרגאַניזאַציע, בערקאַ יאַסעלעוויטשאַ 9.

פרייטאָג, דעם 24 ד. ח. 7-30 אָוו. קומט פאָר אין צייטווייליגען לאָקאַל בערקאַ יאַסעלעוויטשאַ 9, אַ לעקציע פון פּאַליסטינאָגראַפיע, געהאַלטען דורך ה' קוטנער.

שבת, דעם 25 ד. ח. 3-30 נאָכמ. וועט פאַרקומען א חברים פערזאַמלונג, אויף וועלכע אַלע חברים און חברות ווערען אויפגעפאָדערט צו קומען פּונקטליך.

זונטאג, דעם 26 ד. ח. פּונקטליך 8 אָוונד קומט פאָר דער המשך פון'ם ציקל רעפעראַטען: „גרונד פּרינציפּען פון דער יודישער נאַציאָנאַלער עקאָנאָמיק אין ארץ-ישראל", געהאַלטען דורכ'ן ח' בראָטמאַן.

דערמיט מעלדען מיר דאָס פון 1 דעצעמבער ווערען בעגייט די העברעישע קורסען, געפיהרט דורכ'ן ה' קוטנער. איינשרייבונגען ווערען אָנגענומען טעגליך פון 8 ביז 10 אָוונד אין סעקרעטאַריאַט בערקאַ יאַסעלעוויטשאַ 9.

פון זשאַבאָטינסקי'ן ביז בן-גוריון.

א לאַנגע צייט האָב איך די געשפּרעכען, וואס איך האָב לעצטענס געהאַט מיט מיין שכן יעקב יודעל נישט פערעפענטליכט, ווייל עס זענען געווען גרעסערע דאגות. נאר אויב אבער איך טהו דאסמאָל יאָ צוליעב מיין שכן און דערצעהל דעם עולם וועגען אונזער שמועס, איז עס דערפאַר, ווייל איך האַלט, אַז דאס וועט אייך שטאַרק פעראינטערעסירען.

— איך בין געקומען צו אייך—רופט זיך אָן מיין שכן יעקב יודעל—מיט א נייעם פּראָיעקט. לעולם איז דאס נישט קיין נייער פּראָיעקט—כאַפּט ער זיך באַלד צוריק—וואָרום די צייטונגען האָבען שוין וועגען דעם געשריבען, נאַר היות ווי איך וויל, אַז דאס זאָל נישט זיין בלויז אַ צייטונגס-קאַטשקע, נאר אַ פאַקט, וויל איך, אַז מען זאָל וועגען דעם ענין שרייבען און מעורר זיין דאס גאַנצע פאָלק ישראל. איך מיין וועגען דעם פּראָיעקט, אַז עס זאָל קומען צו אַ קאָנסאָלידאַציע צווישען אַלע ציוניסטישע גרופּירונגען, אָנהויבענדיג פון עקסט רעכטס, פון זשאַבאָטינסקי'ן ביז עקסט-לינקס, ביז בן-גוריון'ען.

און דאס איז נישט בלויז נאָר צוליעב דעם, ווייל אין ארץ-ישראל ווערען מיר בעשרענקט אין אונזערע רעכט. דאס, וואס ענגלאַנד גיט אַרויס גזירות קשות געגען דער יודישער עליה, פערוועהרט די טוריסטיק און חנפה'ט זיך צו די אַראַבער; אוודאי האט דאס אַ בעדייטונג, אוודאי דאַרף דאס יודישע פאָלק צו אַלע זיינע שאַטירונגען און ריכטונגען אויפהויבען אַ פּראָטעסט געגען דעם מאַנדאַטאָר-מאַכט און פאָדערן, אַז זי זאָל האַלטען איהר צוזאַג וועגען דער באַלפור-דעקלאַראַציע אז"וו. נאַטירליך, ווען די ציוניסטען וואָלטען געווען איינִיג, וואָלט די ארץ ישראל אַדמיניסטראַציע זיך געמוזט מיט אונז רעכענען. אָבער, ווי איך האָב געזאָגט, איז נישט בלויז צוליעב דעם נויטיג די פעראייניגונג פון אַלע כחות, נאַר אויך צוליעב אַנדערע זאַכען, מוז מען איינמאָל פאַר אַלע מאָל מאַכען אַ קייזער-שניט פון די מחלוקות און נאַרישע אַרומרייסענישען און אַט צוליעב וואס:

ווי איהר ווייסט האָבען די ציוניסטישע עקזעקוטיווע איבערגענומען בלויז די לינקע, וועלכע האָבען אויסער די 2 שוין עגזיסטירענדע פאָנדען, ווי דער „קרן היסוד" און „קרן קימת", אויך בעשאַפען אַנ'ארלאָזאָראָוו - פאָנד, אויף וועלכען זיי אַגיטירען, גיבען אויס געלד אויף פּלאַקאַטען, אינסטרוקטאָרען, שלוחים און אינקאַסענטען און דאס אַלץ קאָסט ממון מיט דמים. דער „מזרחי" איז אבער ברוגז געוואָרען, ווייל נישט שטיצען די אויבענדערמאַנטע פאָנדען און געשאַפען אַ בעזונדערן פאָנד „קרן ארץ ישראל", אָדער ווי זיי רופען עס „השומר הדתי" - פאָנד. אויך זיי שיקען אַרויס משולחים, מיט אינסטרוקטאָרען, אינקאַסענטען אז"וו און עס קאָסט ווייטער געלד. דאַן וואו זענען די רעוויזיאָניסטען מיט זייער תל-חי-פאָנד, די יודענשטאַטלער, וועלכע זענען נישט צופרידען מיט די לינקע און אויך נישט מיט דעם מזרחי און לעצטענס אויך נישט מיט זשאַבאָטינסקי'ן, מאַכען זיי דעריבער אַנ'אייגענע באַנק און מען וועט ווידער זאַמלען געלד. וואס פון דעם קומט אַרויס קען מען זיך לייכט משער זיין.

אַט ערשט יענע וואָך האָב איך ביי מיר געהאַט שליחים פון די אַלע פאָנד-זאַמלער, יעדער האָט אויסגערעדט אויף דעם צווייטענ'ס פאָנדען, כדי מיך איבערצייגען, אַז נאָר זייער פאָנד ברענגט די אמת'ע גאולה. איך בין זיך מודה, אַז זיי האָבען מיך איבערצייגט. מילא וועגען „קרן היסוד" און „קרן קימת" איז דאָך נישטאָ וואס צו רעדען — איך צאָהל שוין אַזוי פיעל יאָהרען וועל איך דאָך נישט פלוצים אויפהערען צו צאָהלען. זענען אָבער געקומען די פאָרשטעהער פון ארלאָזאָראָוו-פאָנד און האָבען געפאָדערט, אַז איך זאָל געבען אַ גרעסערע סומע, האָב איך דאָך אָנגעהויבען צו טענה'ן: היתכן? וואס ווילט איהר פון מיר האָבען, איך בין דאָך נישט קיין פּאַרטיי-מאַן, וואס פאַר אַ נייע פאָנדען ווילט איהר דאס איינפיהרען. קורץ, זיי האָבען גערעדט צו מיר מיט אַ ירגזון, שפּעטער מיט איבערצייגונג, אַזוי לאַנג און ברייט, ביז איך בין איבערצייגט געוואָרען, אַרויסגענומען אַ פּאָר גילדען און מיין חוב ערפולט...

דעמזעלבען טאָג ווידער האָב איך געהאַט אַ דעלעגאַציע פון „מזרחי", שעהנע חשוב'ע יודען פון דער שטאָדט וועלכע האָבען פערלאַנגט מיין „געשאַנק פאַר זייער „קרן". נו, געה, האָב אַ דרייסטקייט און זאָג זיי אָב די דאָזיגע פאָרנעהמע לייט פון אונזער שטאָדט.

דאַן האָט זיך לעצטענס, צוליעב דער פּטירה פון לובלינער רב ז"ל אויך געשאַפען אַ כופר-נפש אַקציע, און אַזוי ווי איך בין אַ יוד, וועלכער קאָן נישט אָבזאָגען, האָב איך פאַר זיי אויך געצייכענט אַ פּאָר זלאָטעס. דערווייל ווער איך געוואויר, אַז די צענטראַלע הילפס - אָרגאַניזאַציע פאַר די יודישע פּליטים מאַכט אויך אַ זאַמעל-אַקציע. נו, ווי טראַכט איהר, וועט מען זיך קאָנען אַרויסדרעהען און נישט געבען קיין געלד?

אָט די אַלע אַקציעס זענען דאָך נאָר אַ טפל, אַ צולייג צו די סטאַבילע צאָהלונגען, וואס מען מוז וויינענדיג צאָהלען, ווי אין סקאַרב, אין דער קהלה, אין מאַגיסטראַט. אויסערדעם זענען נאָר היע פערהאַנען אפשר 25 אינסטיטוציעס און געזעלשאַפטען, פאַר וועלכע מען מוז צאָהלען, אַנדערש סטראַשעט מען מיך, אַז די אינסטיטוציעס געהען אונטער, ווי קאָן איך דאס נעמען אויף מיין געוויסען?

אַז איך טראַכט וועגען דעם אַלעם, הויבט זיך מיר אָן אין קאָפּ צו מישען, עד מתי? ביז ווי לאַנג איז דער שיעור וויפיעל כח, אימשטיינס געזאָגט האט מען דאס היינט איינגאַנצען צו צאָהלען און דאָ האָסטו נישט אַזוי פיעל האָר אויפ'ן קאָפּ, וויפיעל דו דאַרפסט צאָהלען.

אַ סוף זאָל עס נעמען, אַז אויב עס וועט אַזוי לאַנג זיך פערציהען, וועט מען דאָך איינגאַנצען אויפהערען צו צאָהלען. דעריבער וואָלט געווען די העכסטע צייט. אַז מען זאָל די אַלע פאָנדען פעראייניגען, וועט מען זיך איינבּרענגען אַדמיניסטראַציע, מיט איבריגע אויסגאַבען און דאס געלד וועט פערווענדעט ווערען אויף דער עיקר-זאַך. איבערהויפּט, צו וואס איז דאס אַרומקריגען זיך. זשאַבאָטינסקי וויל, אַז עס זאָל זיין מלכות ישראל און ער וויל מיט זיינע אייגענע כחות און מיט זיין פאָנד אויפבויען אונזער אייגען לאַנד. זאָגט בן-גוריון, אַז נאַר ער וועט אויפבויען אַ סאָציאַליסטיש ארץ-ישראל און נעמט צוזאַמען אַ פאָנד. זאָגט דער „מזרחי", אַז נאַר אַ רעליגיעז ארץ-ישראל מוז מען האָבען און נעמען ווידער צונויף אַ פאָנד. דערווייל שטעהען די ענגלענדער מיט די אַראַבער און ווייזען אונז צוויי פייגען.

איין פאָנד, איין אָרגאַניזאַציע—ווען נישט וועט גאָרנישט זיין.

איך האָב אַ פּראָיעקט, אַז אויך דאָ בנוגע די היימישע אינסטיטוציעס דאַרף דאס זעלבע זיין. אנשטאט אינסטיטוציעס מיט סטעמפּעלעך און טל-מטר-געזעלשאַפטען, זאָל עקזיסטירען איין גרויסע אינסטיטוציע, אָבער דאס איז אַ פּראָיעקט אויף שפּעטער. נאַר בזמן הזה, ווען אונז אַלעמען דראָהט אַ געפאַהר, אַז מען זאָל חס ושלום אינגאַנצען שליסען די טויערען פון ארץ-ישראל, זאָג איך, יעקב יודל, צו אייך אַז אויב איהר ווילט, דאס מיר פּשוט'ע יודען זאָלען מיטהעלפען צו בויען ארץ-ישראל, זאָלט איהר זיך פעראייניגען פון עקסט רעכטס ביז עקסט-לינקס פון וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי ביז דוד בן-גוריון.

סמאָל

CHROŃ PŁUCA — PAL GILZY „TYTONIÓWKI"

דער מפעל ארלאזאראוו רופט!

דער אַכצענטער ציוניסטישער קאָנגרעס האָט בעשלאָסען צו פעראייביגען דעם נאָמען פונ׳ם טראַגיש-אומגעקומענעם ד״ר חיים ארלאזאראוו, צו שטעלען איהם א דענקמאָל, נישט פון שטיין, נאָר אַ לעבעדיגען דענקמאָל אויף די פעלדער פון ארץ-ישראל.

דער אנדענק פונ׳ם דאָזיגען גרויסען יוד, וועלכער האָט זיין גאַנץ לעבען געווידמעט פאַר זיין פאָלק, און וועמענס טראַגישער טויט האָט אַזוי טיעף ערשיטערט אונזערע הערצער, מוז פאַר יעדען איוניסט, פאַר יעדען יוד זיין הייליג און טייער. זאל זיין אנדענק פעראייביגט ווערען דורך דער שאַפונג פון אַ נייער יודישער פאָזיציע אין ארץ-ישראל, א פאָזיציע, וואו צוויי הונדערט יודישע משפחות וועלען געפונען א היים. דורך זייער טאַג-טעגליכער אַרבייט און שאַפען וועלען זיי פערווירקליכען דאָס, צו וואָס ד״ר חיים ארלאזאראוו האָט געשטרעבט זיין גאַנץ לעבען מיט׳ן גאַנצען פייער פון זיין הארץ.

ארלאזאראוו׳ס אנדענק מוז בלייבען אייביג! דאָס פאָלק טאָר נישט זיין אונדאַנקבאַר זיינע פיהרער.

די אַקציע טאָר זיך אָבער נישט בעגרעניצען אויף יחידים. זי מוז ווערען אַנ׳אַקציע מיט אַ בּרייטען פאָלקס-כאַראַקטער. עס איז דעריבער בעשלאָסען געוואָרען קומענדען זונטאָג אַדורכצופיהרען אַ הויז-זאַמעל אַקציע אין אונזער שטאָדט.

יעדע יודישע שטוב, וועט זונטאג בעזוכט ווערען, און יעדער יוד, וועמען דאָס אויפבוי-ווערק אין ארץ-ישראל איז נאָהנט, וועט האָבען די געלעגענהייט בּייצושטייערען לויט זיין יכולת און דאדורך אויך צו פעראייביגען דעם אנדענק פונ׳ם גרויסען נפטר ד״ר חיים ארלאזאראוו.

דער קאָמיטעט.

פון דער רעוויזיאָניסטישער בעוועגונג.

שבת, דעם 52 ד. ח. 11-30 פאַרמיטאָג קומט פאָר די וואָכענטליכע פערזאַמלונג אין אייגענעם לאָקאַל, אַלעע קאָשציושקי 16, פאַרטער, פראָנט.

פרייטאָג, דעם 42 ד. ח. 8-30 אָוועָנד קומט פאָר אַ קעסטל-אָוועָנד. אַלע מיטגלידער ווערען אויפגעפאָדערט פונקטליך צו קומען.

אויף דער פערזאַמלונג דעם 21.11 איז בעשלאָסען געוואָרען אַריינצוגעהן אין אַ ענגען קאָנטאַקט מיט אָרגאַניזאַציעס, וואָס זייער אויפגאַבע איז דער קאַמף מיט׳ן היטלעריסטישען דייטשלאַנד. כּדי אַדורכצופיהרען דעם ווירטשאַפטליכען קאַמף ווערט פערשטאַרקט ביז צום מאַקסימום די באָיקאָט אַקציע.

פון בית״ר.

שבת, דעם 18 ד. ח. איז פאָרגעקומען אַ אסיפה פון גאַנצען קן געווידמעט די שבועה פון די כתה מנהלים צוליעב איהר 4 יעהריגען עקזיסטענץ אין היעגען קן. די אסיפה עפענט דער אח מפקד משה זעלצער נאָכ׳ן אָפּנעמען דעם ראַפּאָרט. ער האַלט דאַביי זעהר אַ אינטערעסאַנטען רעפעראַט אין העברעאישען, ווי ער ווייזט אָן אויף דעם גרויסען וואוקס פון דעם אַלוועלטליכען בית״ר און די אַרבייט וואָס שטעהט פאָר אויף להבא. עס קומט דאַן פאַר אַ שבועה פון די מנהלים פון קן ביי דעם פלאַטערענדען בלוי-ווייסען פאָהן. די שבועה איז פאָרגעקומען ביי אַ טויטער שטילקייט און האָט איבערגעלאָזט אַ שטאַרקען רושם אויף אַלע אנוועזענדע. מיט׳ן געזאַנג פון „התקוה״ און אויסרוף תל-חי ווערט די אסיפה געשלאָסען.

די גאַנצע פאַמיליע.

איז צופרידען פון אַ גוט-געבאַקענע באַבקע. די ווירטין האָט צוערשט אַ צוטרוי צום ערשטקלאַסיגען פראָשעק פון ד״ר עטקער „באַקין״ און גיט זיך אָב אַ חשבון, אַז זי האָט איינגעשפאָרט נישט בלויז אויף דער צייט, נאָר אויך אויסגעמיטען אונאַנגענעהמליכקייטען, אפילו ביים בענוצען די בעסטע מיטלען. עסען אפילו די גרעסטע פאָרציעס דר. עטקער׳ס באַבקעס איז נישט שעדליך, ווייל זי איז לייכט צום פערדייען. דאַריבער וועט די באַבקע, געבאַקען, אויף דר. עטקער׳ס פראָשעק „באַקין״ שטענדיג זיין אויפ׳ן טיש פון יעדער גוטער ווירטין.

נעקראָלאָגען.

אונזער שטאָדט האָט די לעצטע וואָך געהאַט איינינגע שווערע אבידות מיט׳ן טויט פון עטליכע אַנגעזעהענע היעגע בעלי-בתים.

ר׳ מאיר דוב הלוי קאַרטוז ז״ל

אַ יוד, וועלכער האָט אין זיך פערקערפערט לומדות, פרומקייט און גלייכצייטיג וועלטליכקייט.

אַ שיף פון אַלטען דור האָט ער זיין גאַנץ לעבען געווידמעט צו לערנען קינדער, ערציהען זיי אַלס עהרליכע יודען און גלייכצייטיג זיך אויך פעראינטערעסירט מיט׳ן רוח הזמן.

ער איז געוועזען אַ זוהן פון ר׳ יעקב קאַרטוז, וועלכער איז געוועזען שטענדיגער בעל-תפילה אין היעגען שטאָדטישען בית-המדרש. תנצב״ה.

ר׳ יצחק העפטלער ז״ל

דאס איז געוועזען אַ יוד מיט פיעל מעלות, אַ שטרענג רעליגיעזער יוד און דאָך זענען איהם נישט געווען פרעמד אַלע פראַגען, וועלכע אינטערעסירען דאס נאַציאָנאַלע יודענטום.

ער האט געגעבען אַ סך צדקה בסתר און זיך ערוואָרבען צעהנדלינגער גוטע פריינד ביי אונז אין שטאָדט.

זיין פריהצייטיגער טויט האָט אַרויסגערופען אמת׳ן טרויער אין דער גאַנצער שטאָדט.

זייענדיג אַ מיטגליעד פון דער געזעלשאַפט „אחיעזר״ האט זי זיך פערנומען מיט׳ן איינאָרדנען די לויה וועלכע עס האט מלוה געווען אַ טויזענדקעפיגער עולם.

אויפ׳ן בית-עולם האָבען דעם נפטר מספּיד געווען מורה-הוראה ר׳ בנימין רובין, אין נאָמען פון „אחיעזר״ — ה׳ סאַק און ה׳ פישמאַן אין נאָמען פון מנין, אַלעע 36.

תנצב״ה.

אַ הזכרה נאָכ׳ן פערשטאָרבענעם הערמאַן גינזבּערג

אין צוזאַמענהאַנג מיט׳ן טויט פון פערשטאָרבּענעם היגען, אמאָליגען כּלל-טהוער הערמאַן גינסבּערג איז פערגאַנגענעם מאָנטאָג פאָרגעקומען אַ הזכרה אין דער נייער שוהל.

אָבער-קאַנטאָר ה׳ פישעל זינגט מיט׳ן כאָר עטליכע קאַפּיטלעך תהלים און אַ „אל מלא רחמים״.

ד״ר הירשבערג האלט א הספּד נאָך דעם פערשטאָרבּענעם.

אין דער שוהל, וועלכע איז געווען איינגעהילט אין טרויער, האבען זיך פערזאַמעלט אַ גרעסערע צאָהל כּלל-טהוער, ווי אויך די ארבייטער פון דער פאַבריק „וואַרטא״.

אַ גרויסע לאַראָוואָניצע
איז צו פערדינגען
ערקינדיגען
בּיי: נ. ראָזענצווייג אַלעע 7 №

קלאַנג = קינאָ
„STYLOWY"
2 אַלעע 27 — טעל. 1574.

די גרעסטע וועלט-סענסאַציע!
פוילישער פילם, וואָס ווערט גלייכצייטיג געוויזען אין אַלע איראָפּעאישע הויפּט-שטעדט

SZPIEG W MASCE

אין די הויפּט-ראָלען: די געניאַלע לידער-זינגערין האַנקאַ אָרדאָנובנאַ, באָגוסלאַוו סאַמבּאָרסקי, איגאָ סים א״א.
איבער׳ן פּראָגראַם: קלאַנג - צוגאַבּען.

Kino „LUNA" dawniej „GRAND"
דער שענסטער פילם!
Król Cyganów
מיט באָסע מאָביקאַ און ראָזיטאַ מאָרענאָ.

„ATLANTIC"
אָגראָדאָווא 14.
1) פויליש-פראַנצויזישער פילם מיט די בעסטע פראַנצויזישע אַרטיסטען
Gracz w szachy
2) דריי סטאַרען פון „פּאַראַמאַונט״ אין דעם הערליכען פילם
Długi Książęce



וואָרנונג.

היות ווי אונזער לאָקאַטאָר ה׳ אברהם פעדערמאַן איז אונז שולדיג דירה-געלד אַ סומע פון 800 זל. און נאָכדעם ווי מיר האָבען בעקומען אַנ׳עקסמיסיע זענען מיר דאָך אויף דער אויפפאָדערונג פון לאָקאַטאָר אַוועק צום הרב שפּירא, וואו מיר זענען אַדורכגעקומען, אַז מיר זאָלען איהם שענקען דעם גאַנצען חוב און נאָך צוצאהלען א סומע פון 175 זל., נאָר מיט׳ן תּנאי, אַז ער זאָל אַבּרייניגען די דירה ביז׳ן 10 ליסטאָפּאַד. טראָץ דעם האט ה׳ פעדערמאַן דעם אָפּמאַך נישט אויסגעפיהרט.

לכן וואָרנען מיר אונזער לאָקאַטאָר צום לעצטען מאָל, אַז אויב ער וועט אין משך פון 8 טעג גוטווילליג אָבּרייניגען די דירה, וועלען מיר ווייטער האַלטען אונזער צוזאָג און איהם צוצאָהלען די צוגעזאַגטע 175 זל. — אין געגענפאַל וועלען מיר זיין געצווינגען אויסצופיהרען די עקסמיסיע דורך דעם קאָמאָרניק און דאמאלס וועלען מיר קיין גראָשען נישט צוצאָהלען און זאָל די עפענטליכקייט משפט׳ן ווער ס׳איז גערעכט.

די בעלי-בּתים פון הויז, אַלטער מאַרק 21.

אַזאַ פּראָגראַם איז בּיז-איצט נאָכנישט געווען!
מאָנומענטאַלער פילם א. נ.
PIEŚŃ SERCA
דראַמע וועגען אַ ליעבע, וואס איז מנצח פערקריפּלונג און דעם טויט.
אין דער הויפּט - ראָלע דער אַמעריקאַנער אַרטיסט קעדר, וועלכער איז בעקאַנט אלס דער יודישער יאַנינגס.
אויסער׳ן פּראָגראַם: אַ גרויסע מוזיקאַלישע רעוויע.
— פּראַכטפולע אויסשטאַטונג. — שעהנע פרויען. — הערליכע קאָסטיומען. —
בעריהמטער טענאָר פון דער „מעטראָפּאָליטאַן״ אָפּערע.
פון שבת פון שבת
Kino „EDEN", ALEJA № 12